STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02153

ZINGT MIT MIR

Michl Gelbart

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זינגט מיט מיר

לידער פֿאַר היים, שול, יום־טובֿים און פֿײַערונגען

דריטע, פֿאַרגרעסערטע אויפֿלאַגע

צוזאמענגעשטעלט

— פון —

מיכל געלבארט

אַרויסגעגעבן פון
פֿאַרלאַג „אַרבעטער־רינג״
בײַם בילדונגס־דעפּאַרטמענט פֿון אַרבעטער־רינג
175 איסט בראָדוויי
ניו־יאָרק

1־טע אויפֿלאַגע אונטערן נאָמען „לאָמיר זינגען"
5,000 עקזעמפּליאַרן
2־טע אויפֿלאַגע אונטערן נאָמען „לאָמיר זינגען"
10,000 עקזעמפּליאַרן
3־טע אויפֿלאַגע אונטערן נאָמען „זינגט מיט מיר"
10,000 עקזעמפּליאַרן

COPYRIGHT 1945 BY
FARLAG WORKMEN'S CIRCLE
of the
Educational Committee of the Workmen's Circle
175 Eeast Broadway
New York, N. Y.

אַ פֿאָרוואָרט צו „זינג מיט מיר”

דאָס איז דאָס דריטע ביכל לידער וואָס דער בילדונגס־קאָמיטעט פֿון ארבעטער־רינג גיט ארויס זינט די לעצטע פינף יאָר. די ערשטע צוויי ביכלעך „כאָמיר זינגען” זיינען פֿארשפּרייט געוואָרן אין 15,000 עקזעמפּליארן. זיי האָבן אנטהאלטן 112 לידער פֿון פֿארשיידענעם כאַראַקטער. די לידער זיינען געווען איינגעטיילט אין 7 טיילן: 1) סאָציאַלע לידער; 2) פֿאָלקס־לידער; 3) פֿון פֿרעמדן קוואַל; 4) פֿאָלקס־טימלעכע לידער; 5) קינדער־לידער; 6) יום־טוב לידער; 7) חסידישע נגונים. אויסער די פֿאָלקסלידער — וואָס פֿאַר זיי האָט דאָס פֿאָלק אליין געשאַפֿן דעם ניגון — איז די מוזיק פֿאַר די אַלע לידער געשריבן געוואָרן פֿון די בעסטע יידישע קאָמפּאָזיטאָרן.

אין דעם ביכל, וואָס מיר לייגן איצט פֿאָר, גייען אריין 131 לידער און ניגונים; 50 פֿון זיי זיינען נייע לידער, וואָס ווערן געזונגען אין פֿארשיידענע טיילן פֿון דער וועלט וואו יידן געפֿינען זיך. די 131 לידער זיינען פֿון דעם זעלבן כאַראַקטער ווי די לידער פֿון די פֿריערדיקע צוויי זאַמלונגען.

מיר רעקאָמענדירן דאָס ביכל פֿאַר קאָלעקטיוון געזאַנג ביי די ברענטש־מיטינגען און אַנדערע צווייגן פֿון אונדזער באַוועגונג. די לידער קענען אויך געזונגען ווערן אין הויז. אין אַזאַ הויז וואו עס געפֿינען זיך קינדער וואָס שפּילן אויף דער פּיאַנע קען זיך די גאַנצע פֿאַמיליע זייער גרינג אויסלערנען דעם ניגון און די ווערטער פֿונעם ליד.

מיר ווייסן, אַז די געמיטער זיינען ביי אונדז אַלעמען איצט געדריקטע. עס ווילט זיך אָבער אַמאָל אַז די אַלע צרות פֿאַרגעסן. עס ווילט זיך האָבן אַ אוונט פֿון פֿרייד,

און עס איז ניטאָ קיין פרייליכערע זאַך ווי געזאַנג. אין פאָלקס־געזאַנג שפּיגלען זיך אָפּ ניט נאָר די ליידן פון אונדזער פאָלק, נאָר אויך די האָפענונגען; ניט נאָר די דערשלאָגנקייט נאָר אויך דער קאַמף. און זאָלן אונדזערע ברענטשעס, ביי זייערע צוזאַמענקונפטן איין מאָל אין צוויי וואָכן, זינגען קאָלעקטיוו די לידער, זינגען מיט אַ טאָלק, מיט אַן אָרדענונג. דאָס וועט אונדז ברענגען פרייד, צוזאַמענגעבונדנקייט און באַרואיקונג.

דאָס איצטיקע ביכל לידער, ווי די פריערדיקע צוויי ביכלעך, איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון דעם באַקאַנטן יידישן קאָמפּאָזיטאָר מיכל געלבאַרט.

נ. כאַנין,
בילדונגס־דירעקטאָר
פון אַרבעטער־רינג

אינהאַלט

זײַט

*אַ. ר. תימן — — — — — — — 8
די שבועה 10
אַ, העמערל, העמערל קלאַפּ 11
*איך וויל נים קיין אײַזערנע קייטן — — — — — 12
ברידער, מיר האָבן געשלאָסן — — — — — 13
צום בונד — — — — — — 14
אויפֿן ווײַטן צפֿון — — — 15
*אַ יונג פֿון די בראָטעם — — 16
*זומפּלאַנד — — — — — 17
בין איך מיר אַ שנײַדערל 19
וואו ביסטו געוועז ? — — 20
דער רבי אלימלך — — — 20
לאָמיר בײדע אַ ליבע שפּילן 21
אַ חלום — — — — — — 22
קויפֿן אַ יאַשטשיק — — 23
מאַמעניו-קרוינעניו — — 24
אָרום דעם פֿײַער — — — 24
האָפּ-מײַיק-משאָק — — — 25
פֿאַרט אַ חסידל — — — 26
אָן אַלטער דײַם — — — 26
אויפֿן ים וועיעט אַ ווינטעלע — — — — — 27
שוואַרצע קאַרשעלעך — — 28
אַז עס געפֿעלט, איז אַ חופּה 29
אונטער אַ גרין ביימעלע — 30
וואָס טויג מיר דער שוינער ווײַנגאָרטן — — — — 31
הער נאָר, דו שיין מיידעלע 31
אַ מיידעלע אין די יאָרן — 32
גיי איך מיר שפּאַצירן — 33
לאָמיר זיך איבערבעטן — 33
שיין ביסטו, ליובטשע — 34
איין מאָל טו איך זיך באַנײַען — — — — — 35
*אַלע ברידער — — — — 36
*שאַ, שטיל, נים געזאָרגט 38
*טרײַע ליבע — — — — 40
*מלווה-מלכּה — — — — 42
*טיף אין וועלדעלע — — 43
*חנהלע לערנט לשון-קודש 44
*זלאַטע — — — — — — 46
*שוועסטער, ברידער — — 47
*ליוג איך מיר מײַן קעפּעלע 48
*אַ גנבֿה — — — — — 49
*הירש לעקערט — — — 50
*אַ זמרל — — — — — 52
*אַף ברי — — — — — — 54
*אַנטוישטע ליבע — — — 55
*וואָס זשע ווילסטו ? — — 56
*אַוועק די יונגע יאָרן — — 58
*אוינעם איז גוט — — — 59
*אַ פֿינף-און-צוואַנציקער — 61
*דער נײַער שער — — — 62
*יאָשקע, יאָשקע — — — 64
*דייגו — — — — — — 65
*הערש דוד — — — — — 66
*ס'פֿאַלט אַ שניי — — — 68
*אויפֿן אויוון זיצט אַ מיידל 69
*ברוך שולמאַן — — — — 70
*פֿריילעכער קבצן — — — 71
*מחותּנתטע מײַנע — — — 73
*מאַריאַשע — — — — 74
*ערגעץ ווײַט — — — — 76

*גיין, דאַרף מען גיין — — — 77
*שטערנדל — — — — — 78
פאַראייניקטע פעלקער — 79
*מיר וואַנדערן — — — 80
*עס ברענט — — — — — 82
*קינדער-יאָרן — — — — 84
הוליעט, קינדערלעך — — 86
*אַהיים צו מיר — — — — 87
*די ווערבע — — — — — 88
*אין מײַן גאָרטן — — — 89
ליג איך מיר אין בעט
אַרײַן — — — — — 90
נישטאָ דער נעכטן — — — 91
*אין אַן אָרעם שטיבעלע — 92
*גלות-מאַרש — — — — 94
דעם מילנערס טרערן — — 95
די מוזיקע אויסגעגעבן 96
מחותנים גייען — — — 97
דער בעקער — — — — 98
80 ער און 70 זי — — — 99
יום-טובדיקע טעג — — 100
פלאַקער פײַער — — — 101
*עבדים היינו — — — — 102
וואַנדער איך אַליין — — 103
*וויג-ליד — — — — — 104
*אַ מעשהלע — — — — 106
*אוי, מיידל, מיידל — — — 108
*דער בלינדער — — — — 109
*בעטלער — — — — — 110
*קלינגען גלאָקן — — — 112
*אין דער פינצטער — — 113
*ימען רוישן — — — — 114
*נאָדעלע — — — — — 115
*בײַם אָפּשייד — — — — 116
דו, דו — — — — — 117
*אַ בחור, אַ הולטאַי — — 118
*יום-לידער — — — — — 120
*אַ ניגון ווי דו — — — — 121
*אויפן בוידעם שלאָפט דער
דאַך — — — — — 122
*פרייד פון ערד — — — 124
*נאָר אַ מאַמע — — — — 125
*קינדער ווייגען — — — 126
*די פראָש — — — — — 127
*זאָל זײַן — — — — — 129
*פעטער איצע — — — — 130
*אַ גוטע נאַכט — — — — 131
*איך וועל רײַדן — — — 132
*דרײַ בעל-מלאכות — — — 133
*יוסף בער — — — — — 134
אַ שנײַדערל — — — — 136
*כאַצקעלע — — — — — 137
*מיר קומען אָן — — — 138
*הערט אַ מעשה, קינדערלעך 139
*איינס און צוויי — — — 141
*וויג-ליד — — — — — 142
*דרײַ יינגעלעך — — — — 144
*פעלד-אַרבעט — — — — 145
*זיצן, זיצן זיבן קינדער — 147
*ציפּעלע — — — — — 148
חנוכּה, אוי, חנוכּה — — 149
*אַכט קליינע ברידער — — 150
פורים-ליד — — — — — 151
המן-טאַשן — — — — 151
*חד-גדיא — — — — — 152
*דעם טאַטנס ניגון — — — 154
*יו-לאַ-ראַ — — — — — 155
*קוידאַנאָווער ניגון — — 155
*קאָצקער ניגון — — — — 156
*ריקודל — — — — — — 156
*אַ ניגון אָן אַ סוף — — — 157
*דעם רבינס ניגון פון רייסן 158
*אַ רעדל — — — — — — 159

אויפמערקזאַם

אויב אַ ליד, אין אינהאַלט, איז באַצייכנט מיט אַ שטערנדל (*) — מיינט עס, אַז צו דעם ליד איז אין ביכל געדרוקט די נאָטן.

כמעט צו אַלע לידער אין דעם ביכל, קען מען קריגן די מוזיק, פאַר געזאַנג מיט פּיאַנאָ באַגלייטונג — אין דער „מעטראָ מוזיק קאָמפּ.", 58 צווייטע עוועניו, ניו־יאָרק.

א. ליעסין   מוזיק פון מ. פּאָזנער

אַרבעטער־רינג הימן



מיר האָבן די היימישע פלאַמען,
שוין צענדליקע יאָרן געהיט,
זיי האָבן אויך הינטער די ימען,
פאַר אונדז אַזוי ליב נאָך געגליט.
זיי האָבן אונדז גלוטיק צוזאַמען,
אין רינג פון אַן אָרדן געשמידט.

און אַלע פאַר איינעם,
און איינער פאַר אַל׳
באַלויכטן אין איינעם
פון איין אידעאַל.

דעם גרויסן, דעם שיינעם —
פון אַרבעטער כּלל!

מיר האָבן אין וואָגל געשאַפן,
דעם שטאָלענעם אינהאַלט פון רינג;
אַן אָרדן, אַ גאַנצן און וואָפן,
וואו יעטווידער ברענטש איז אַ קלינג.
געשאַפן אין שוץ פאַרן שלאַפן —
אַ קעמפענדן אַרבעטער רינג.

און אַלע פאַר איינעם א. א. וו.

און לאָמיר אויך ווייטער אַלץ שאַפן,
דעם שטראַליקן שוץ-רינג פון שטאָל;
דעם אָרדן פון קעמפענדע יידן,
אין הונדערטער, טויזנטער צאָל.
מיט היימישע פלאַמען אים שמידן,
באַגייסטערט אַזוי ווי אַמאָל.

און אַלע פאַר איינעם,
און איינער פאַר אַל׳
באַלויכטן אין איינעם
פון איין אידעאַל.
דעם גרויסן, דעם שיינעם —
פון אַרבעטער כּלל!

ש. אַנ־סקי

די שבֿועה

ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט,
אַלע וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט.
צוזאַמען, צוזאַמען די פאָנע איז גרייט,
זי פלאַטערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט.
אַ שבועה, אַ שבועה אויף לעבן און טויט!

הימל און ערד וועט אונדז הערן,
עדות די ליכטיקע שטערן.
אַ שבועה, אַ שבועה
פון בלוט און פון טרערן,
מיר שווערן, מיר שווערן, מיר שווערן!

מיר שווערן צו קעמפן פאַר פרייהייט און רעכט
מיט אַלע טיראַנען און זייערע קנעכט.
מיר שווערן באַזיגן די פינצטערע מאַכט,
אָדער מיט העלדנמוט צו פאַלן אין שלאַכט.
אַ שבועה, אַ שבועה אויף לעבן און טויט.
הימל און ערד א. אַ. וו.

אַברהם רייזען — מוזיק פֿון בערנשטיין

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ

אָ, העמערל, העמערל קלאַפּ,
שלאָג שטאַרקער אַ טשוועק נאָך אַ טשוועק.
קיין ברויט איז אין שטוב שוין נישטאָ,
נאָר צרות און לייד אָן אַן עק.

אָ, העמערל, העמערל קלאַפּ!
דער זייגער, ער שלאָגט שוין באַלד צוועלף;
די אויגן זיי מאַכן זיך צו,
גיב כּוחות אוי, גאָטעניו העלף.

אָ, העמערל, העמערל קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער די טשוועקעס, שלאָג גיך;
ביז מאָרגן מוז פֿאַרטיק שוין זיין,
דער גבירהטעס טעכטערלס שיך.

אָ, העמערל, העמערל קלאַפּ!
ניט גליטש פֿון מיין האַנט זיך אַרויס,
מיין איינציקער שפּייזער ביסטו,
פֿון הונגער, אָן דיר, גיי איך אויס.

ב. וולאַדעק　　　　　　　　　מוזיק פֿון מיכל געלבאַרט

איך וויל ניט קיין אײַזערנע קייטן



. . . איך וויל ניט קיין אייזערנע קייטן,
איך וויל ניט קיין גאָלדענע קרוין,
די קנעכטשאַפט איז מיאוס און ביטער —
זי מעג זיין די גאָטהייט אליין! } 2

איך ווייס ניט פון מורא פאַר לייטן,
איך ווייס ניט פון כורעים פאַר גאָט,
מיין האַרץ איז מיין קנעכט און באַפעלער,
מיין ווילן איז אויך מיין געבאָט. } 2

זאָל שילטן דער קליינלעכער שונא,
זאָל שאַרפֿן זיין טעמפּיקן שווערד —
צו זינקען אין פינצטערן אָפּגרונט, 2
איז אים פון מיין צוקונפט באַשערט.

איך שפּין מיר מיין פאָדעם פון שטראַלן,
איך וועב מיר מיין גלויבן, מיין פאָן —
פון די וועלכע שפּילן אין לעבן, 2
געווינט נאָר דער דרייסטער דעם קאָן.

אַלעקסאַנדראָוו

ברידער, מיר האָבן געשלאָסן

אָ, ברידער מיר האָבן געשלאָסן,
אויף לעבן און טויט אַ פאַרבאַנד ;
מיר שטייען אין שלאַכט ווי גענאָסן,
די פאַנען, די רויטע אין האַנט.

טרעפט דיך אַ קויל מיין געטרייער,
אַ קויל פון דעם שונא דעם הונט,
איך נעם דיך אַרויס באַלד פון פייער,
און הייל דיר מיט קושן דיין וואונד.

ביסטו געפאַלן אַ טויטער,
די אויגן, די ליפּן פאַרמאַכט ;
איך וויקל דיך איין אין דער פאָנע דער רויטער
און פאַלן צוזאַמען אין שלאַכט.

ש. אַניסקי

צום בונד

אין זאַלציקן ים, פון מענטשלעכע טרערן,
געפינט זיך אַ שרעקלעכער תהום ;
ער קען שוין ניט טיפער, ניט פינצטערער ווערן,
אים צייכנט אַ בלוטיקער שטראָם . . .

דעם תהום האָבן טויזנטער יאָרן געגראָבן,
אמונה און שנאה און פיין.
און טויזנטער יאָרן, אַלץ טראָפּן נאָך טראָפּן —
עס גיסן זיך טרערן אריין.

דעם אַרבעטער ווער וועט ענדלעך דערלייזן,
פון הונגער און אייביקע לייד ?
און ווער וועט דעם וועג אים צו פרייהייט באַווייזן,
צו ברידערשאַפט, גלייכהייט און פרייד ?

דער אַרבעטער וועט די וועלט באַפרייען און היילן,
ווען ס׳וועט דערגרייכן דער תהום ביזן גרונד ;
זאָל לעבן פון רוסלאַנד, פון ליטע און פוילן —
דער יידישער אַרבעטער „בונד״.

א. ליעסין

אויפן ווייטן צפון

אין לאנד, וואו עס קייקלט די לענא
איר מעכטיקן וואסער, דעם קאלטן —
דארט שטייט זיך א קלייניקע יורטע,
אין אייביקע שנייען באהאלטן.

זי שטייט דארט א שפיל פארן שטורעם,
פארוואלגערט אין מיטן דעם פעלד —
דארט שמאכט אין זיין אייזיקן עלנט,
דער קראנקער, דער שטארבענדער העלד.

עס ציט זיך צעיושעט דער ווינטער —
די בלינדע, די ברומענדע מאכט ;
עס ציט זיך פארפאנצערט דער חושך,
די טויבע, די אייביקע נאכט.

עס ציט זיך, עס ציט די גסיסה,
די שווערע, די לאנגע אן סוף,
און ס׳מאטערט דעם בלייכן מארטירער
א דריקענדער, פיינליכער שלאף.

און ס׳חלומט זיך אים פון א פרילינג,
וואו בלוי איז דער הימל-געצעלט ;
דארט איצט, אין דער היים אין דער ווייטער
צעשיינט זיך א זון אויף דער וועלט.

און אלע שפאצירן אין דרויסן,
און באלזאם צעגיסט זיך אין ברוסט,
און ס׳פייערט דאס לעבן זיין יום-טוב,
דעם יום-טוב פון ליבע און לוסט.

א. פּעפּער　　　　　　　　　　　　　　מוזיק פֿון מיכל געלבאַרט

אַ יונג פֿון די בלאָטעס



טוט אַ קוק אויפֿן שטיבל וואָס שטייט דאָרט ניט ווייט—
יוער האָט עס געבויט, ווער האָט עס?
ווער האָט עס מיט ליים און מיט ציגל באַנייט?
אַ נאַקעטער יונג פֿון די בלאָטעס.

טוט אַ קוק אויפֿן פערדל, וואָס טאַנצט דאָרט אַליין —
ווער האָט עס געשפּאַנט, ווער האָט עס?
ווער האָט עס געמאַכט אַזוי יונג אַזוי ריין?
אַ נאַקעטער יונג פֿון די בלאַטעס.

טוט אַ קוק אויפֿן ברויט, וואָס איז היימיש און פֿריש —
ווער עס האָט פֿאַרזייט, ווער האָט עס?
ווער האָט עס פֿון פֿעלדער געבראַכט אויפֿן טיש?
אַ נאַקעטער יונג פֿון די בלאַטעס.

פֿון דײַטש — יידיש פֿון מ. אַלגין

זומפּלאַנד

וואו עס טוט דאָס אויג אַ בליק,
פֿלאַכע זומפּלאַנד אומעטום.
פֿויגל שטים אונז ניט דערקוויקט,
דעמבעס שטייען נאַקעט, קרום.
מיר זײַנען זומפּלאַנד ברידער
און שפּאַנען מיטן רידל — אין זומפּ!

אויף און אָפּ מאַרשירן פּאָסטנס,
קיינער קען דאָ ניט אַרויס.
לויפֿן, ווערט דאָס לעבן קאָסטן,
הויך די צאַם, די וואַך איז גרויס.
מיר זײַנען זומפּלאַנד ברידער
און שפּאַנען מיטן רידל — אין זומפּ!

דאָך מיר טאָרן זיך ניט קלאָגן,
ווינטער קען ניט אייביק זיין.
ס'קומט אַ טאָג, מיר וועלן זאָגן:
פּאַטערלאַנד ביסט ווידער מיין ! ! !
דאָן גייען זומפּלאַנד ברידער
ניט מער שווין מיטן רידל -- אין זומפּ ! ! !

זומפּלאַנד



בין איך מיר אַ שנײַדערל

בין איך מיר אַ שניידערל, (2)
לעב איך מיר טאָג־אוים, טאָג־איין,
לוסטיק, פריילעך, פיין.
— זאָג מיר שניידער,
ליבינקער און גוטער:
גיט דיר די נאָדל
גענוג אויף ברויט מיט פוטער?

— איך מאַך אַ וואָך
צוויי גילדן מיט אַ דרייער,
איך עס נאָר ברויט,
ווייל פוטער איז צו טייער.

בין איך מיר אַ שוסטערל, (2)
לעב איך מיר טאָג־אוים, טאָג־איין,
לוסטיק, פריילעך, פיין.
— זאָג מיר שוסטער,
האָסטו וואָס צו קייען?
פעלט דיר אויסעט,
קריגסטו וואו צו לייען?

— קיינער לייט ניט,
קיינער גיט קיין ערבות;
כ׳בין אַ שוסטער,
גיי איך טאַקע באָרוועס.

וואו ביסטו געוועזן

וואו ביסטו געוועזן,
אַז געלט איז געוועזן,
אַז דער נדן איז געלעגן אויפן טיש?
היינט ביסטו דאָ,
אַז קיין געלט איז נישטאָ,
און דאָס לעבן איז געוואָרן אַזוי מיאוס.

וואו ביסטו געוועזן,
אַז יוגנט איז געוועזן,
און דאָס לעבן איז געוועזן צוקער זיס?
היינט ביסטו דאָ,
אַז די האָר זיינען גראָ,
און דאָס לעבן איז געוואָרן אַזוי מיאוס.

וואו ביסטו געוועזן,
אַז שיינקייט איז געוועזן,
דאָס לעבן האָט מיט ליבע געבְרענט;
היינט ביסטו דאָ,
אַז קיין כוחות איז נישטאָ
און עס ציטערן ביי מיר שוין די הענט . . .

דער רבי אלימלך

אַז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן זייער פריילעך,
איז געוואָרן זייער פריילעך
אלימלך.

האָט ער אויסגעטאָן די תפלין,
און האָט אָנגעטאָן די ברילן,
און געשיקט נאָך די פידלער
די צוויי.

די פידלדיקע פידלער,
האָבן פידלדיק געפידלט,
האָבן פידלדיק געפידלט
האָבן זיי.
האָט ער אויסגעטאָן דעם קיטל
און האָט אָנגעטאָן דאָס היטל
און געשיקט נאָך די פייקלער
די צוויי.

לאָמירביידע א ליבע שפּילן

לאָמיר ביידע א ליבע שפּילן,
לאָמיר זיין פון גאָט א פּאָר.
שווערן, שווער איך דיר ביי שער און אייזן,
אַז ווארטן וועל איך פאר דיר צוויי דריי יאָר.

צוויי דריי יאָר וועל איך פאר דיר ווארטן,
אפילו פיר איז אויך כדאַי,
געלט אין פאָלק אריין וועל איך דיר שיקן
און אליין זיך מוטשען דאָ ביי שניידעריי.

באַ שניידעריי וועל איך זיך מוטשען,
און דאָ לעבן אין גרויס נויט.
און אַז דו וועסט אמאָל פון סלוזשבע קומען,
זאָלסטו ניט זאָגן כ׳בין אַן אלטע מויד.

אַ חלום

אַ חלום, אַ חלום
האָט זיך מיר געחלומט,
אַ חלום ליובע, האָט זיך מיר
געדאַכט, אוי געדאַכט!
מיט דיינע שוואַרצע אויגן,
האָסטו מיך צוגעצויגן,
און פאַר אַ מענטשן
האָסטו מיך געמאַכט.

איך עס ניט, איך טרינק ניט,
איך שלאָף ניט דורך די נעכט,
און בענקען, ליובע, בענק איך
נאָר נאָך דיר! אוי, נאָך דיר!
ווען איך דערמאָן זיך, דושע,
אָן דיר מיין טייער לעבן,
גייען מיר די כוחות אויס
נאָך דיר.

שפּאַצירן, אוי ליובע,
זיינען מיר געגאַנגען,
אין דרויסן איז געווען
אַ שניי! אוי, אַ שניי!
געדענקסטו ליובע שיינע,
דו האָסט מיר טריי געשוואָרן,
און צום סוף האָסטו גאָר
אַנדערע צוויי.

קויפן אַ יאַשטשיק

די מאַמע האָט מיך געשיקט
קויפן אַ יאַשטשיק,
האָט זיך אין מיר איינגעליבט
אַ יינגל, אַ פּריקאַשטשיק.
אוי איז דאָס אַ יינגעלע,
אַ שיינס און אַ פיינס.
מיר פאַר זיינע ביינדעלעך,
קעצעלע דו מיינס.

די מאַמע האָט מיך געשיקט
קוילען אַ הון,
האָט זיך אין מיר איינגעליבט
דעם שוחטס אַ זון.
אוי איז דאָס אַ שוחטל,
אַ שיינס און אַ פיינס.
מיר פאַר דיינע ציינדעלעך,
קעצעלע דו מיינס.

די מאַמע האָט מיך געשיקט
פרעגן אַ שאלה,
האָט זיך אין מיר איינגעליבט
דער רבֿ אויף אַ ווײַלע.
אוי איז דאָס אַ רבילע,
אַ שיינס און אַ פיינס,
מיר פאַר זיין שפּיץ יאַרמעלקע,
קעצעלע דו מיינס.

מאַמעניו, קרוינעניו

מאַמעניו, קרוינעניו, האַרצעניו, ליובעניו,
שווייג שוין אַביסעלע שטיל. (2)
לעש מיר אָפּ דעם העלישן פּייער
און גיב מיר דאָס יינגעלע איך וויל. } 2

איך וויל ניט קיין צירונג, איך דאַרף קיין בריליאַנטן,
איך וויל ניט קיין שיינעם אויסגאַנג. (2)
גיב מיר נאָר מאַמעניו דאָס אינגעלע איך ליב,
דעם וואָס איך וויל שוין פון לאַנג. } 2

אַרום דעם פּייער

אַרום דעם פּייער
איז אַלעם ליבער,
די נאַכט איז טייער,
מיר זינגען לידער.

און זאָל דאָס פּייער
פאַרלאָשן ווערן,
שיינט אונדז דער הימל,
מיט זיינע שטערן.

באַקרוינט די קעפּ
מיט בלומען קראַנצן,
אַרום דעם פּייער
מיר פריילעך טאַנצן.

וויל טענץ און לידער
איז אונדזער לעבן,
דערנאָך אין שלאָף —
חלומות וועבן.

האָפּ־טשיק־טשאָק

בין איך מיר אַ חסידל, אַ פריילעכע בריאה,
בין איך מיר אַ חסידל, אָן אַ שום פּניה.
בין איך מיר אַ חסידל, אַ חסידאָק —
טאַנץ איך מיר אַ פריילעכן האָפּ־טשיק־טשאַק!

הערינג מיט ברויט איז ביי מיר אַ מאכל,
אַבי איך שטופּ זיך אָן די בייכל.
און קאַרטאָפליעס פאַר אַ פּיטאַק —
טאַנץ איך מיר אַ פריילעכן האָפּ־טשיק־טשאַק!

שרה מיין ווייב זי זאָגט צו מיר:
ניטאָ אויף שבת אַ קלאָג צו דיר.
גיי איך און פאַרזעץ מיין אַלטן קאַפּטינאַק —
טאַנץ איך מיר אַ פריילעכן האָפּ־טשיק־טשאַק!

היהקע מיין עלטערע בתולה זי זאָגט צו מיר:
ווען וועט שוין קומען טאַטע די צייט אויף מיר?
גיב מיר אַ חתן מיט אַ קורצן פּידזשאַק —
טאַנץ איך מיר אַ פריילעכן האָפּ־טשיק־טשאַק!

שוויינ מיין טאָכטערקע, זאָג איך צו איר,
דו וועסט שוין באַלד הייסן מיטן נאָמען שניר.
דיין שוויגער וועט זיין אַ גרויסער שלאַק —
טאַנץ איך מיר אַ פריילעכן האָפּ־טשיק־טשאַק!

פֿאָרט אַ חסידל

פֿאָרט דער חסידל צום דעם רבין,
האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שלאָגס-רעגן.
מאַכט דאָס חסידל בים-באָם.

ווי דער שלאָגס רעגן האָט אים אָנגענומען
איז ער אין קרעטשמע אַריינגעקומען,
מאַכט דאָס חסידל בים-באָם.

אַ גלעזל בראָנפֿן האָט ער גענומען טרינקען
און גענומען צום מיידל ווינקען.
מאַכט דאָס חסידל בים-באָם.

מיידל, מיידל ביסט מיר זייער געפֿעלן,
כ'וועל דיר שענקען אַ שנירל קרעלן.
מאַכט דאָס חסידל בים-באָם.

דאָס שנירל קרעלן האָט זי צוגענומען
און אים געהייסן שפּעטער קומען.
מאַכט דאָס חסידל בים-באָם.

אַן אַלטער דײַם

האָב איך מיר אַן אַלטן דיים...
איז דער דיים אויך ניט מיין...
לאָמיר אַלע פֿריילעך זיין,
קומט מיט מיר אין שענק אַריין,
טרינקען בראָנפֿן, טרינקען וויין...

ניט קיין מאָרגן, ניט קיין היינט . . .
ניט קיין חבר, ניט קיין פריינד . . .
לאָמיר אַלע א. אַ. וו.

האָב איך מיר אַ גאַנצן טאָלער . . .
וועל איך זיין דער גאַנצער צאָלער . . .
לאָמיר אַלע א. אַ. וו.

האָב איך ניט קיין ווייב און קינד . . .
בין איך פריי ווי דער ווינט . . .
לאָמיר אַלע א. אַ. וו.

האָב איך ניט קיין-גראָשן געלט . . .
פייף איך אויף דער גאַנצער וועלט . . .
לאָמיר אַלע א. אַ. וו.

אויפֿן ים

אויפן ים וועיעט אַ ווינטעלע,
אוי אַ ווינטעלע
און די כוואַליעס שלאָגן.
איך האָב זיך פאַרליבט אין אַ שיין יינגעלע
כ׳שעם זיך פאַר אייך אויסצוזאָגן.

ער האָט געבויעט אַ שיפעלע,
אוי אַ שיפעלע,
אַרום און אַרום מיט פענצטער.
פון אַלע קארטינעס וואָס כ׳האָב איבערגעזען
איז ער דאָך פון זיי דער שענסטער.

אַז אַ גזלן קוילעט אַ מענטשן,
אוי אַ מענטשן,
קוילעט ער אים מיט אַ מעסער.
און כאָטש דו האָסט מיך ניט דערקוילעט
דאָך ביסטו פון אַ גזלן נאָך גרעסער.

שוואַרצע קאַרשעלעך

שוואַרצע קאַרשעלעך רייסט מען
און גרינע לאָזט מען שטיין;
שיינע מיידעלעך נעמט מען
און מיאוסע לאָזט מען גיין.
אוי, ווי איז צו מיר,
און צו מיינע יאָר;
אַ ליבע האָב איך געשפּילט
פֿעליגע דריי פערטל יאָר.

וואָס טויג מיר די פּאָלקע מאַזורקע?
אַז טאַנצן קען איך זי ניט.
וואָס טויג מיר דאָס מיידעלע פון ווילקע
אַז נעמען קען איך זי ניט.
אוי, ווי איז צו מיר
און צו מיינע יאָר;
אַ ליבע האָב איך געשפּילט,
פֿעליגע דריי פערטל יאָר.

אַז עס גע̇פעלט איז אַ חופּה

די מאַמע קאָכט וואַרעניקעס,
און איך בין גאָר פלייִשיק;
דערזע איך אַ שיין מיידעלע,
קריג איך צו איר חשק.
לאַ-לאַ-לאַ . . .

מיר גע̇פעלט דאָס מיידעלע,
מיין מאַמע אין דער מיט;
איך האָב ליב דאָס מיידעלע,
מיין מאַמע וויל זי ניט.
לאַ-לאַ-לאַ . . .

שיין איז דאָס מיידעלע,
ווי די גאַנצע וועלט,
נאָר אַ חיסרון האָט זי זיך,
זי האָט דאָך ניט קיין געלט.
לאַ-לאַ-לאַ . . .

געלט איז דאָך קיילעכדיק,
עס קייקלט זיך אַוועק;
נעם איך מיר מיין מיידעלע
און פאָר מיט איר אַוועק.
לאַ-לאַ-לאַ . . .

איך פאָר מיט איר אַוועק,
אין דער שטאָט אָדעס;
איך שטעל מיט איר אַ חופּה
אין איין מעת-לעת.
לאַ-לאַ-לאַ . . .

אונטער אַ גרין ביימעלע

אונטער אַ גרין ביימעלע
זיצן יינגלעך צוויי;
זיי רעדן פון אַ מיידעלע —
קיין זאַך קימערט זיי.

איך פלעג זאָגט ער גאַנצע טעג
אומגיין ניט געגעסן;
דאָרטן וואו זי האָט געוואוינט,
שטונדן אָפּגעזעסן.
אונטער אַ גרין ביימעלע...

איך פלעג זאָגט ער נע־ונד,
אומגיין גאַנצע נעכט;
כאַפּט אים באַלד דער צווייטער אויס:
ס'איז גאָרנישט אַזוי שלעכט.
אונטער אַ גרין ביימעלע...

שניי און רעגן, שטורעם ווינט,
פאַר קיין זאַך זיך ניט געשראָקן;
און די מאַמע אין דער היים
נעקלאַפּט האָט מיט אַ פלאַקן.
אונטער אַ גרין ביימעלע...

און דער טאַטע אַלץ צוגאָב,
מיט דעם פּאַס דעם גרויסן;
גוט די ביינער אָנגעקלאַפּט
און פאַריאָגט אין דרויסן.
אונטער אַ גרין ביימעלע...

וואָס טויג מיר דער שיינער וויינגאָרטן

וואָס טויג מיר דער שיינער וויינגאָרטן,
אַז פלאַנצן קען איך אים ניט?
וואָס טויג מיר אַ ליבע צו שפּילן,
אַז נעמען קענען מיר זיך ניט.

אוי ווי, מאַמע, כ׳וועל מער קיין ליבע ניט שפּילן,
כ׳וועל מער בײַ זיין טויער ניט שטיין,
ער׳ט זיך באַרימט פאַר זיינע כאַוויירים,
אַז איך רוף אים און ער וויל ניט גיין.

אוי, פאַר וועמען ס׳איז ליכטיק די נאַכט,
פאַר מיר איז פינצטער דער טאָג;
אוי, פאַר וועמען ס׳איז נחת און פרייד,
פאַר מיר איז אַ יאָמער און אַ קלאָג.

הער נאָר דו, שיין מיידעלע

הער נאָר דו שיין מיידעלע,
הער נאָר דו פיין מיידעלע,
וואָס וועסטו טאָן אין אַזאַ וויטן וועג?
וואָס וועסטו טאָן אין אַזאַ וויטן וועג?

— איך וועל גיין אין אַלע גאַסן,
איך וועל שרייען וועש צו וואַשן,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין.
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין.

— הער נאָר דו שיין מיידעלע,
הער נאָר דו פיין מיידעלע.
וואָס וועסטו עסן אין אזא ווייטן וועג ?
וואָס וועסטו עסן אין אזא ווייטן וועג ?

— איך וועל עסן טרוקן ברויט,
איך וועל ליידן הונגער נויט,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין.

אַ מיידעלע אין די יאָרן

כ'בין דאָך שוין אַ מיידל אין די יאָרן,
וואָס האָסטו מיר פאַרדרייט מיין קאָפּ.
איך וואָלט דאָך שוין לאַנג אַ כלה געוואָרן
און אפשר טאַקע חתונה געהאַט.

טאָמער גייט עס דיר אין נדן,
די מאַמע וועט פאַרקויפן די שטיב ;
לאָמיר ביידע חתונה האָבן,
ווייל איך האָב דיך אַזוי ליב.

טאָמער גייט עס דיר אין יחוס,
מיין זיידע איז געוועזן אַ רבֿ.
מיין טאַטע איז געוועזן דער שענסטער ייד אין שטעטל
און זאָל שוין נעמען אַ סוף.

גיי איך מיר שפּאַצירן

גיי איך מיר שפּאַצירן, טראַ־לאַ־לאַ . . .
גיי איך מיר שפּאַצירן, טראַ־לאַ־לאַ . . .
באַגעגן איך אַ בחור אַהאַ ! — אַהאַ ! . . .
באַגעגן איך אַ בחור אַהאַ ! — אַהאַ ! . . .

ער זאָגט ער וועט מיך נעמען טראַ־לאַ . . .
ער זאָגט ער וועט מיך נעמען טראַ־לאַ . . .
ער לייגט מיך אָפּ אויף זומער אַהאַ ! — אַהאַ ! . . .
ער לייגט מיך אָפּ אויף זומער אַהאַ ! — אַהאַ ! . . .

דער זומער איז געקומען טראַ־לאַ־לאַ . . .
דער זומער איז געקומען טראַ־לאַ־לאַ . . .
ער האָט מיך ניט גענומען אַהאַ ! — אַהאַ ! . . .
ער האָט מיך ניט גענומען אַהאַ ! — אַהאַ ! . . .

יעצט וויל ער מיך שוין נעמען טראַ־לאַ־לאַ . .
יעצט וויל ער מיך שוין נעמען טראַ־לאַ־לאַ . .
יעצט וויל איך אים ניט קענען אַהאַ ! — אַהאַ ! . .
יעצט וויל איך אים ניט קענען אַהאַ ! — אַהאַ ! . .

לאָמיר זיך איבערבעטן

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
האָב אויף מיר רחמנות (2)
לאָמיר זיך איבערבעטן,
כ'האָב דיך ליב סכנות.

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
וואָס שטייסטו פאַר דער טיר ? (2)
לאָמיר זיך איבערבעטן,
קום אַריין צו מיר.

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
כ'בעט דיך זיי מיר מוחל (2)
לאָמיר זיך איבערבעטן,
גיב צו מיר אַ שמייכל.

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
דו וועסט זיין מיין כלה (2)
לאָמיר זיך איבערבעטן,
זאָלן וויסן אַלע.

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
איך וועל זיין דיין חתן (2)
לאָמיר זיך איבערבעטן,
וועט זיין שמחה וששון.

שיין ביסטו, ליובטשע

שיין ביסטו ליובטשע, ליובטשע,
שיין ווי די גאַנצע וועלט ; (2)
איין חיסרון האָסטו נאָר, ⎫
וואָס דו האָסט ניט קיין געלט. ⎭ 2

עלט איז דאָך קיילעכיק, קיילעכיק,
עלט גייט אַוועק ; (2)
איך וועל מיך הענגען, איך וועל מיך שעכטן, ⎫
שענק מיר דיין פּאָרטרעט. ⎭ 2

— מיין פאָרטרעט אוועקגעשיקט, אוועקגעשיקט,
אויף טויזנטער מייל ; (2)
כ'האָב געמיינט, אַז די ליבע איז אויף אייביק, } 2
צום סוף איז זי אויף דערווייל.

דערווייל גייט אַ רעגן, אַ רעגן,
די שטיינדעלעך ווערן נאַס ; (2)
אַ יונגן מאַן איז אַזוי צו גלויבן, } 2
ווי אַ הונט אויף דער גאַס.

איין מאָל טו איך זיך באַנייען

איינמאָל, איינמאָל, איינמאָל —
איינמאָל טו איך זיך באַנייען.
אַ גאַנצע וואָך האָרעוועט מען דאָך, } 2
אויף שבת דאַרף מען לייען.

לייען, לייען, לייען!
לייען זאָל מען ניט באַדאַרפן,
שבת אָן כריין, קען מען זיך באַגיין, } 2
אָבער ניט אָן בראָנפן.

בראָנפן, בראָנפן, בראָנפן!
בראָנפן דאָס איז מיין נחמה...
אַז איך מאַך אַ כוס נאָך אַ כוס, } 2
דערקוויק איך מיין נשמה.

נשמה, נשמה, נשמה!
נשמה איז אַ הויכע מידה.
אַז איך נעם נאָך אַ מאָל אַ כוס, } 2
טאַנץ איך מיט אַ חסידה.

גיט א חסידה, חסידה, חסידה!
איז א גרויסע עבירה...
אז איך נעם א כוס נאָך א כוס — 2
האָב איך נישט קיין ברירה . . .

אַלע ברידער



און מיר זיינען אלע ברידער
אוי, אוי, אלע ברידער!
און מיר זינגען פריילעכע לידער
אוי, אוי, אוי!

און מיר האלטן זיך אין איינעם,
אוי, אוי זיך אין איינעם!
אזעלכעס איז נישטא ביי קיינעם,
אוי, אוי, אוי!

און מיר זיינען אלע איינִיק,
אוי, אוי, אלע איינִיק!
צי מיר זיינען פיל צי ווייניק,
אוי, אוי, אוי!

און מיר ליבן זיך דאך אלע,
אוי, אוי זיך דאך אלע!
ווי א חתן מיט א כלה,
אוי, אוי, אוי!

און מיר זיינען פריילעך, מונטער,
אוי, אוי פריילעך, מונטער!
זינגען לידער, טאנצן אונטער,
אוי, אוי, אוי!

שאַ, שטיל, ניט געזאָרגט



אַז עס קומט דער ליבער פּסח
ווידער אויף דאָס ניי,
נישטאָ קיין מצות, נישט קיין ווײַן,
אױ-אױ-אױ-אױ-אױ.

שאַ, שטיל! ניט געזאָרגט,
גאָט אין הימל איז אַ פאָטער,
דאָרט געליען, דאָ געבאָרגט,
האָסט שוין אַלץ און פּטור.

וואָס מיר זיינען, זיינען מיר,
אָבער חסידים זיינען מיר,
און צום רבין פאָרן מיר
אונדזער גאַנץ לעבן.

שאַ, שטיל! ניט געזאָרגט,
גאָט אין הימל איז אַ פאָטער!
דאָרט געליען, דאָ געבאָרגט,
האָסטו שוין אַלץ — און פּטור.
אַז עס קומט דער ליבער שבועות,
ווידער אויף דאָס ניי,
נישטאָ קיין מילכיקס, נישט קיין גרינס —
איי-איי-איי-איי-איי.

שאַ, שטיל! א. אַ. וו.

אַז עס קומט דער ליבער סוכות,
ווידער אויף דאָס ניי;
ניישטאָ קיין סכך, נישטאָ קיין אתרוג —
איי-איי-איי-איי-איי.

שאַ, שטיל! א. אַ. וו. . . .

טרײַע ליבע



כ׳האָב שוין נים קיין כוח
ביי דער אַרבעט איינצוזיצן,
פֿאַר מיין מאַמען זאָג איך נים אַרוים, 2 }
אוי אַרוים!

זע האָב אויף מיר רחמנות
און ווער פאַר מיר אַ חתן
און נעם מיך פון דער ארבעט ארוים
אוי אַרוים.

— פאר דיר אַ חתן ווערן
האָט פאר מיר קיין ראַסטשאָט ניט,
ווייל איך בין אַ ייִנגעלע צום שטיין, 2
אוי צום שטיין —.

און אַז דו ביסט אַ ייִנגעלע
מיט פאַלשע געדאַנקען
פון פאַניעס הענט זאָלסטו ניט ארויסגיין,
ארויסגיין.

דיין טאַטע וויל נדן,
דיין מאַמע וויל נדן.
זיי מיינען פון דעם נאַדן וועלן זיי ווערן רייך, 2
אוי ווי רייך

גאָט קען זיי שענקען,
דעם נדן צו פאַרקרענקען,
מיט אַלע קבצנים זאָלן זיי זיין גלייך,
אוי גלייך!

— דיך האָב איך ליב
און דיך וועל איך נעמען,
איך וועל דיך נעמען אָן אַ גראַשן געלט! 2
אוי אָן געלט!

דעם טאַטן אויף צו להכעיס,
די שונאים אויף קדחת
מיט דיר וועל איך אָפּלעבן די וועלט,
אוי די וועלט.

מלווה־מלכה



אָ, ברודער זאָג,
ווי הייסט דער טאָג,
ווען מיר זיינען אַלע פריילעך
דער יידעלע דער קליינער,
דער כשרער, דער שיינער
איז דאָך דאָן אַ מלך.

שבת אַליין,
קומט צוגיין,
זייט־זשע פריילעך אַלע;
טאַנצט קינדער,
יעדערער באַזונדער,
לכבוד דער הייליקער כלה.

דאָס איז קלאָר,
ווי אַ האָר,
אַז שבת איז די כלה;
דער התנדל דער שיינער,
איז נישט קיינער,
נאָר מיר יידן אַלע.

ווער עס טראַכט,
און חוזק מאַכט,
פון כלה־חתן;
דער ווערט טאַקע
עסן אַ מכה —
פון דער סעודה לויתן.

טיף אין וועלדעלע



טיף אין וועלדעלע שטייט אַ ביימעלע
און די צווייגעלעך בליען. (2)
און ביי מיר אָרעם שניידערל
טוט מיין הערצעלע ציען.

אויפן ביימעלע וואַקסט אַ צווייגעלע
און די בלעטעלעך זשוזשען. (2)
און מיין אָרעם שוואַכעס הערצעלע
ציט צו מיין זיסער רוזשען.

אויפן צווייגעלע שטייט אַ פייגעלע,
און דאָס פייגעלע פישטשעט ; (2)
און ביי מיר אָרעם שניידערל,
מיין הארץ פאַר ליבע טרעשטשעט.

חנהלע לערנט לשון קודש



בין איך מיר אַ לערערל
און לערן לשון קודש
קומט צו מיר אַ חנהלע
לערנען אויפן חודש,
אַ יעטווידער פרימאָרגן,
זי קומט צו מיר צו לויפן,
לערן איך מיט חנהלען —
אויף אַ נייעם אופן.

ראש, פאַרטײַטש איך חנהלען,
גלעטנדיק איר קעפּל,
פרעגט זי וואָס תּפּוח מײַנט —
ווײַז איך איר אַן עפּל.
און אַז עס קומט צו דעם
שיר השירים זאָגן,
הײבן אונדזערע הערצעלעך
שטאַרקער אָן צו שלאָגן.

איך לערן אַלעם חנהלען
ווײַל קײן זאַך ניט היפּן;
קומט צו ישקני —
קוש איך אירע ליפּן.
קומט צו תּחבקני,
מאַך איך ניט קײן שהיות,
כ'נעם אַרום מײַן חנהלען,
אױ איז דאָס אַ חיות.

קומט זי אין פרימאָרגן,
זאָגט זי צו מיר שלום!
און אַז זי גײט אַװעק —
בלײַב איך ווי אין חלום.
עס גײט אַוועק אַ וואָך —
עס גײט אַוועק אַ חודש,
און די שײנע חנהלע —
קען שוין לשון קודש.

זלאַטקע



אויפֿן קליינעם בערגעלע
שטייט אַ קליינע כאַטקע,
אין דעם קליינעם שטיבעלע
וואוינט די שיינע זלאַטקע.
יאַווא, יאַווא, יאַווא,
וואוינט די שיינע זלאַטקע.

אירע האָר צעפּלאַכטענע,
פֿייבט נאָך פֿון פֿארקעמען;
אַ ווייסער האַלדז, אַ נאַקעטער,
בלויז אַרומצונעמען.
יאַווא . . . א. אַ. וו

אירע אייגלעך שוואַרצינקע,
קוילן וואָס זיי גליען;
הייבט זי אויף די ברעמעלעך —
נעמט דאָס לעבן בליען.
יאַווא . . .

אירע הענטלעך ווייסינקע,
ארויפגעשארצט אין גאנצן :
אירע פיסלעך באָרוועסע,
שטענדיק גרייט צום טאַנצן.
יאַווא

מאַכט איר ווער אַ חנדעלע,
ציטערט איר דאָס הערצל ;
זי פאַרדעקט זיך שעמעוודיק
ס'פּנים מיטן שערצל
יאַווא . . .

שוועסטער, ברידער



שוועסטער, ברידער,
מיר זינגען לידער ;
מיר זינגען לידער
פאַר זיך אליין.
נעמט זיך צונויף
אלע אינאיינעם,
וועלן מיר אייך
געבן צו פאַרשטיין.
נעמט זיך צונויף
אלע אין איינעם,
וועלן מיר אייך
געבן צו פאַרשטיין.

לייג איך מיר מײַן קעפּעלע



לייג איך מיר מײַן קעפּעלע,
אויף מײַן מאַמעס בעטעלע.
גייט מײַן מאַמע פֿאַרבײַ —
נאָך אַנאַנד זי טוט און קווּעלט:
שלאָף מײַן טעכטערל, שיינינקע;
דו ביסט דאָך גאָר אַ ריינינקע.
שלאָף געזונטערהייט,
שלאָף געזונטערהייט.

לייג איך מיר מײַן קעפּעלע,
אויף מײַן שוויגערס בעטעלע.
גייט מײַן שוויגער פֿאַרבײַ —
נאָך אַנאַנד זי טוט און שעלט:
מײַן שנור איז קיין בריה ניט,
קיין מלאָכה קען זי ניט.

נאָך אַנאַנד זי טוט און שלאָפּט,
נאָך אַנאַנד זי טוט און פּאָפּט!

ליג איך מיר מײַן קעפּעלע,
אויף מײַן מאַנס בעטעלע.
גייט מײַן מאַן פֿאַרבײַ —
נאָך אַנאַנד ער טוט און קוועלט:
שלאָף, מײַן ווײַבעלע, זיסינקע,
דו ביסט דאָך גאָר אַ ליסינקע.
שלאָף געזונטערהייט,
שלאָף געזונטערהייט.

אַ גנבֿה



בײַ מײַן רבין איז געווען,
איז געווען אַ גנבֿה:
זיבן ליכטער ווי די בערן,
דרײַ אָן פיסלעך, פיר אָן רערן.
אוי! אוי, אַ גנבֿה!

בײַ מײַן רבין איז געווען,
איז געווען אַ גנבה:
זיבן העמדער ווי די בעכער,
דרײַ מיט לאַטעס, פֿיר מיט לעכער.
אוי! אוי, אַ גנבה!

בײַ מײַן רבין איז געווען,
איז געווען אַ גנבה:
זיבן מוידן, ווי די דעמבעס,
דרײַ אָן ציינער, פֿיר אָן געמבעס.
אוי! אוי, אַ גנבה!

הירש לעקערט



ווי הערשקע איז פֿון שטוב אַרויסגעגאַנגען,
געזאָגט האָט ער: „אַ גוטינקע נאַכט.“
ווי הערשקע איז צום צירק צוגעגאַנגען,
אַ קליינע ווײַלע האָט ער דאָרט פֿאַרבראַכט.

ווי דער גובערנאַטאָר איז פֿון צירק אַרויסגעגאַנגען,
מיט אַן אויג האָט ער געוואָרפֿן גאַנץ ווײַט;
דאָ האָט הערשקע דעם רעוואָלווער אַרויסגעצויגן
און געשאָסן דעם גובערנאַטאָר אין אַ זײַט.

ווי מ'האָט נאָר הערשקען אַרעסטירט,
ג'פֿאַרלאַנגט ער זאָל דעם אמת אַרויסגעבן.
— „אַוועק, איר שרעקלעכע מערדער!
כ'האָב געוואָלט דער טיראַן זאָל ניט לעבן.

אײַ, ברידער, איר זאָלט זיך ניט דערשרעקן,
דעם שטריק וואָס מ'האָט פֿאַרוואָרפֿן אויף מיר;
אַז מײַן פֿרוי וועט אַ זון געבוירן,
אַ נאָמען זאָלט איר געבן נאָך מיר.

אײַ, ברידער, איר זאָלט מיך ניט פֿאַרגעסן,
די וועלט וועט מיט מיר נאָך טון קלינגען;
פֿון די טיראַנען נקמה זאָלט איר נעמען
און אַ ליד פֿון מיר זאָלט איר זינגען.

אַ זמרל



לאָמיר אַלע זינגען, לאָמיר אַלע זינגען
אַ זמרל, אַ זמרל.
לחם איז ברויט, בשר ודגים
וכל מטעמים.

— זאָג זשע מיר, טאַטעניו: וואָס איז לחם?
— ביי די גרויסע גבירים
איז לחם אַ בולקע.
אָבער ביי אונדז, קבצנים, אוי, קבצנים:
איז לחם אַ דאַרע סקאָרינקע."
לאָמיר אַלע זינגען, אאַז"וו.

— זאָג זשע מיר, טאַטעניו: וואָס איז בשר?
— ביי די גרויסע גבירים
איז בשר אַ געבראָטענע קאַטשקעלע...
אָבער ביי אונדז, קבצנים, אוי, קבצנים!
איז בשר אַ דאַרע קישקעלע."
לאָמיר אַלע זינגען, אאַז"ו.
— זאָג זשע מיר, טאַטעניו: וואָס איז דגים?
— ביי די גרויסע גבירים
איז דגים אַ העכטעלע!
אָבער ביי אונדז, קבצנים, אוי, קבצנים!
איז דגים אַ געזווענזלטער הערינג.
לאָמיר אַלע זינגען, אאַז"ו.

— זאָג זשע מיר, טאַטעניו: וואָס איז מטעמים?
— ביי די גרויסע גבירים
איז מטעמים קאָמפּאָט!
אָבער ביי אונדז, קבצנים, אוי, קבצנים!
איז מטעמים געהאַקטע צרות.
לאָמיר אַלע זינגען, אאַז"ו.

אף ברי



אף ברי,
ס'איז נישטאָ וואָס צו געבן עסן די קי.
דער זומער גייט אוועק
און דער ווינטער קומט צוריק
און קיין געלט איז אלין נישטאָ.
די שטיוול זײַנען צעריסן, אוי־אוי!
די קוטשמע איז צעשמיסן, אוי־אוי!
און קיין געלט איז אלין נישטאָ.
דער דאַך איז צעקראַכן, אוי־אוי!
די ווענט זײַנען צעבראָכן, אוי־אוי!
און קיין געלט איז אלין נישטאָ.
די שטוב פֿאַלט אײַן, אוי־אוי!

דעם מלמד קומט נאָך פֿאַר יענעם זמן, אוי־אוי!
און קיין געלט איז אַלין נישטאָ...

אַנטוישטע ליבע



ר'האָט מיר געשיקט אַ רינגעלע,
איך זאָל עס טראָגן אויף מיינע פֿינגער.
ווער עס האָט נאָר שולד אין אונדזער ליבע
דער זאָל שטאַרבן פֿון הונגער.

ר'האָט מיר געשיקט אַ זייגערל
מיט אַ גאָלדענעם ווייזער.
ווער עס האָט נאָר שולד אין אונדזער ליבע
דער זאָל גיין אין די הייזער.

מאַמעשי, אוי, מאַמע־לעב,
לאָמיר פֿאָרן קיין ירושלים.
דאָרטן וועלן מיר אַ חופּה שטעלן
און טרינקען וועלן מיר לחיים.

וואָס זשע ווילסטו?



— וואָס זשע ווילסטו? וואָס זשע ווילסטו?
אַ שניידער פֿאַר אַ מאַן?
— אַ שניידער פֿאַר אַ מאַן וויל איך ניט.
אַ שניידערס אַ טאָכטער בין איך ניט.
קליידער נייען קען איך ניט.
זע איך מיר אַ שטיין.
זעץ איך זיך און וויין:
אַלע מיידעלעך האָבן חתונה
נאָר איך בלייַב אַליין.

— וואָס זשע ווילסטו? וואָס זשע ווילסטו?
אַ שוסטער פֿאַר אַ מאַן?
— אַ שוסטער פֿאַר אַ מאַן וויל איך נים.
אַ שוסטערס אַ טאָכטער בין איך נים.
דראַטווועס דרייען קען איך נים.
זע איך מיר אַ שטיין, אאז"וו.

— וואָס זשע ווילסטו? וואָס זשע ווילסטו?
אַ קאָוואַל פֿאַר אַ מאַן?
— אַ קאָוואַל פֿאַר אַ מאַן וויל איך נים.
אַ קאָוואַלס אַ טאָכטער בין איך נים.
פּאָטקאָווועס שלאָגן קען איך נים."
זע איך מיר אַ שטיין, אאז"וו.

— וואָס זשע ווילסטו? וואָס זשע ווילסטו?
אַ לערנער פֿאַר אַ מאַן?
— אַ לערנער פֿאַר אַ מאַן וויל איך דאָך,
אַ לערנערס אַ טאָכטער בין איך דאָך.
תּורה לערנען קען איך דאָך.
זע איך מיר אַ שטיין, אאז"וו.

אַוועק די יונגע יאָרן



אויפֿן באַרג, איבערן באַרג
פֿליִען טויבן פּאָרן,
פֿליִען טויבן פּאָרן;
כ'האָב נאָך גאָר קיין נחת ניט געהאַט,
אַוועק מײַנע יונגע יאָרן.

שפּאַנט מיר, ברידער, די קאַרע פֿערד,
לאָמיר לויפֿן, פֿאָרן,
לאָמיר לויפֿן, פֿאָרן;
אפֿשר וועל איך נאָך קענען אומקערן
מײַנע יונגע יאָרן.

כ'האָב באַגעגנט מײַנע יונגע יאָרן
אויף דעם ברייטן בריק,
אויף דעם ברייטן בריק;
— „יאָרן, יאָרן, קערט זיך אום
כאָטש אין געסט צוריק."

— „נײן, נײן, נײן, מיר װעלן נישט גײן
עס איז נישטאָ צו װעמען,
עס איז נישטאָ צו װעמען;
האָסטו געזאָלט יונגערהײט
אַזױ אונדז נים פֿאַרשעמען.‟

אײנעם איז גוט



אײנעם איז דאָך זײער גוט,
דעם אַנדערן איז נאָך בעסער -
טרינקט ער טײ מיט צוקער;
און איך האָב דאָך פֿאַרשפּילט
מײַנע יונגע יאָרן,
איז מיר דאָך פֿינצטער און ביטער.

אײנעם איז דאָך זײער גוט,
דעם אַנדערן איז נאָך בעסער
עסט ער גוטע מאכלים;

און איך האָב דאָך פֿאַרשפּילט
מײַנע יונגע יאָרן,
אַזוי ווי אַ שלאָף אָן אַ חלום.

איינעם איז דאָך זייער גוט,
דעם אַנדערן איז נאָך בעסער —
גייט ער שיינע קליידער;
און איך האָב דאָך פֿאַרשפּילט
מײַנע יונגע יאָרן,
אַזוי ווי אין אַ פֿינצטערן חדר.

איינעם איז דאָך זייער גוט,
דעם אַנדערן איז נאָך בעסער —
פֿלאַנצט ער זיך אַ ווײַנגאָרטן;
און איך האָב דאָך פֿאַרשפּילט
מײַנע יונגע יאָרן,
אַזוי ווי אַ קאָרטאָזשניק אין קאָרטן.

און עס פֿאַלט אַ שניי, אַ שניי.
מײַנע יונגע יאָרן
האָב איך אָנגעוואָרן,
זיצנדיק שטענדיק בײַם גענייי.
מײַנע יונגע יאָרן
האָב איך אָנגעוואָרן,
זיצנדיק שטענדיק בײַם גענייי.

א פֿינף־און־צוואַנציקער



בײַט זשע מיר אויס א פֿינף־און־צוואַנציקער,
אויף סאַמעראָדנע דרײַער;
שפּילט זשע מיר, קלעזמאָרימלעך,
א לידעלע, א טײַער.
יאַם־טשע־ראַם־טשאַם......

בײַט זשע מיר אויס א פֿינף־און־צוואַנציקער,
אויף א סאַמעראָדנע פֿירער;
שפּילט זשע מיר, קלעזמאָרימלעך,
דאָס זעלביקע, וואָס פֿריער.
יאַם־טשע־ראַם־טשאַם......

בײַט זשע מיר אויס א פֿינף־און־צוואַנציקער,
אויף סאַמעראָדנע צענער;
שפּילט זשע מיר, קלעזמאָרימלעך,

דאָס זעלביקע — נאָר שענער.
יאַם-טשע-ראַם-טשאַם......

בײַט זשע מיר אויס אַ פֿינף-און-צוואַנציקער,
אויף סאַמע אימפעריאַלן;
איך וועל בעטן די קלעזמאָרימלעך,
זיי זאָלן זיך ניט אַאַלן.
יאַם-טשע-ראַם-טשאַם.....

דער נײַער שער



שפּילט זשע מיר דעם נײַעם שער,
וואָס איז אַרויסגעקומען;

כ׳האָב מיך פֿאַרליבט אין אַ יִינגעלע אַ שיינעם,
כ׳קאָן צו אים ניט קומען.
כ׳וואָלט צו אים געקומען,
וואוינט ער זייער ווײַט;
כ׳וואָלט דאָך אים אַ קוש געגעבן,
שעם איך זיך פֿאַר לײַט.
ניט אַזוי פֿאַר לײַט —
ווי פֿאַר גאָט אַליין;
כ׳וואָלט מיט אים פֿאַרבראַכט די צײַט,
אַז קיינער זאָל ניט זען.

שפּילט זשע מיר דעם נײַעם שער,
וואָס איז אַרויסגעקומען;
כ׳האָב מיך פֿאַרליבט אין אַ יִינגעלע אַ שיינעם,
כ׳קאָן צו אים ניט קומען.
קום זשע צו מיר, גיכער,
כ׳וואַרט אויף דיר שוין לאַנג;
קום זשע גיכער אַריבער,
מ׳זאָל ניט הערן דײַן גאַנג.
פֿיר איך דיך אין שטיבעלע
פֿון מײַן מאַמען אַליין;
חתן־כּלה וועלן מיר זײַן
און צו דער חופּה גיין.

יאָשקע, יאָשקע



יאָשקע, יאָשקע, שפּאַן דעם לאָשעק,
זאָל ער גיכער לויפֿן;
זאָל ער לויפֿן, זאָל ער פֿליִען,
איבער אַלע הויפֿן.
לאָמיר אַלע פֿריילעך זײַן
און ניט וויסן פֿון קיין פּײַן.
לאָמיר אַלע פֿריילעך זײַן
און ניט וויסן פֿון קיין פּײַן.

זאָל ער, זאָל ער, זאָל ער, זאָל ער
זײַן געזונט, אַן אײַזן;
זאָל ער איבער פֿרײַע ערדן
ווי אַן אָדלער שפּרײַזן.
לאָמיר אַלע פֿריילעך זײַן, אאַז"וו.

גיב אים הײ און גיב אים האָבער,
וואַסער פֿון די קוואַלן ;
זאָל ער וואוינען, זאָל ער רוען
אין די שענסטע שטאַלן.
לאָמיר אַלע פֿרײלעך זײַן, אאז"וו.

דײנו



וואָלט יוכבד נישט געווען
וואָלט קײן משה נישט געווען
וואָלטן ייִדן קנעכט געווען —
דײנו.
וואָלט קײן משה נישט געווען
וואָלט קײן פֿרײַהײט נישט געווען
וואָלט קײן פּסח נישט געווען —
דײנו. דאַ־דאַ־ײנו......

וואָלט קײן פּסח נישט געווען
וואָלט קײן סדר נישט געווען

וואָלט אונדז אומעטיק געווען —
דיינו.
וואָלט קיין סדר נישט געווען

קיין הגדה נישט געווען
וואָלט קיין קניידלעך נישט געווען —
דיינו. דאַ־דאַ־יינו......

וואָלט קיין משה נישט געווען
וואָלט קיין תורה נישט געווען
וואָלטן קיין שולן נישט געווען —
דיינו. דאַ־דאַ־יינו......

הערש דוד



„אַ גוט מאָרגן דיר, הערש דוד!"
„אַ גוט מאָרגן, ברוך!"

— „כ'האָב געהערט, דו האָסט מיט מזל
אויספֿאַרקויפֿט דעם צוואָרעך."

— „ניט דעם צוואָרעך, נאָר דאָס מילכיקס
אויספֿאַרקויפֿט אין גאַנצן;
אַבי דאָס געלט איז דאָ אין בײַטל,
ווילט זיך טאַקע טאַנצן."
אײַדי, דידל־די, די־די־די......

כ'האָב אַ מויד, אַ מויד אַ שײנע;
דו — אַ זון, אפֿרים.
לאָמיר בײדע שרײַבן תּנאים,
טרינקען אַ לחיים.

כאַ־כאַ־כאַ, צוויי מאות זילבער,
גיב איך זײ אין גאַנצן.
איבער פֿעלדער, איבער וועלדער
וועלן ייִדן טאַנצן."
אײַדי, דידל־די, די־די־די......

ס'פּאַלט אַ שניי



ס'פּאַלט אַ שניי, ס'פּאַלט אַ שניי,
טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט.
נאָר איך ניי, נאָר איך ניי,
און איך טראַכט, און איך טראַכט.

אין דרויסן גייט אַ רעגן,
אין דרויסן גייט אַ רעגן,
און עס פּאַלט אַ שניי, אַ שניי.
און עס פּאַלט אַ שניי, אַ שניי.
מײַנע יונגע יאָרן
האָב איך אָנגעװאָרן,
זיצנדיק שטענדיק בײַם געניי.

מײַנע יונגע יאָרן
האָב איך אָנגעוואָרן,
זיצנדיק שטענדיק בײַם געניי.

אויפֿן אויוון זיצט אַ מיידל



אויפֿן אויוון זיצט אַ מיידל,
טומבאַ, טומבאַ, טומבאַ־באַ.
און זי העפֿט אַ ווײַס קליידל,
טומבאַ, טומבאַ, טומבאַ־באַ.

איז אַ בחור אָנגעפֿלויגן, טומבאַ......
ג׳האָט דעם פֿאָדעם אָפּגעצויגן, טומבאַ......

— אײַ, דו בחור, אײַ, דו פֿײַער, טומבאַ......
ס׳וועט דיך קאָסטן זייער טײַער, טומבאַ......

כ׳וועל ניט פֿרעגן דיך פֿון וואַנען, טומבאַ......
כ׳וועל ניט אָפּלאָזן פֿון דאַנען, טומבאַ......

ניט מיט שטריק וועל איך דיך פּענטן, טומבאַ......
נאָר מיט מײַנע ווײַסע הענטלעך, טומבאַ......
כ׳וועל דיך האַלדזן, כ׳וועל דיך ליבן, טומבאַ......"
איז דער בחור דאָרט פֿאַרבליבן, טומבאַ......

אויפֿן אייזן זיצן צווייען, טומבאַ......
ניט זיי העפֿטן, ניט זיי נייען, טומבאַ......

ברוך שולמאַן



ווי ס׳איז געקומען דער ערשטער רוסישער מײַ,
געהערט האָט זיך אין גאַס אַ קלאַפּ.
דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט זיך געטאָן דערפֿרייען,
אַז קאָנסטאַנטינאָוו האָט געקריגן אַ כאַפּ.

ברוך שולמאַן איז אין גאַס געגאַנגען,
באַגעגנט האָט ער דעם טיראַן;
מיט אַ באָמבע האָט ער אים צעריסן,
קאָנסטאַנטינאָוון, דעם טיראַן.

נאָך אַ קבר, נאָך אַ קרבן,
נאָך אַ לעבן איז צעשטערט פֿון דער וועלט.
נאָך אַ קעמפֿער איז אונדז אָפּגעשטאָרבן,
ברוך שולמאַן, דער באַליבטער העלד.

דײַנע חברים שטייען בײַ דײַן קבר,
זיי גיסן טרערן יעדע מינוט.
ראַכע, שווערן מיר, פֿון די טיראַנען נעמען,
פֿאַר אונדזער חברס פֿאַרגאָסן בלוט.

פֿריילעכער קבצן



איך, אברהם שיגאַר — שיגאָר,
בײַ מיר איז געלט פֿאַראַן.
איך האָב אַ טאָכטער חתונה צו מאַכן
און האָב ניט קיין נדן.
טראַ־לאַ־לאַ......

װי סע קומט װינטער לעבן,
עפֿענען זיך מיר די אױגן:
דער דאָך מיטן קוימען אײַנגעפֿאַלן,
דער שנײ אַרײַנגעפֿלױגן.
טראַ־לאַ־לאַ......

װי סע קומט חנוכּה לעבן
עפֿנט זיך מיר אַ װעלט:
כ'צינד מיר אָן אַ גרױסע לאַמטערנע
און גײ מיר נאָך חנוכּה־געלט.
טראַ־לאַ־לאַ......

װי סע קומט פּורים לעבן
פֿאַסט איך מיר אסתּר־תּענית;
כ'װיש מיר אױס אַ גרױסן טעלער
און טראָג מיר שלח־מנות.
טראַ־לאַ־לאַ......

װי סע קומט פּסח לעבן
איז די מצה װי אַ סקאַלקע.
ס'זאָל אַפֿילו דונערן און בליצן
מוז מען האָבן אַ מלכּה.
טראַ־לאַ־לאַ......

מחותנתטע מײַנע



מחותנתטע מײַנע, מחותנתטע געטרײַע,
אוי, לאָמיר זײַן אויף אײביק מחותנים;
אוי, לאָמיר זײַן אויף אײביק מחותנים.
איך גיב אײַך אַוועק מײַן טאָכטער פֿאַר אַ שנור,
זי זאָל בײַ אײַך ניט אָנווערן דעם פּנים.

מחותנתטע מײַנע, מחותנתטע געטרײַע,
מײַן קינד זאָלט איר פֿרי ניט וועקן,
און טאָמער וועט איר זען אַן עוולה אויף מײַן קינד,
ווי אַן אײגענע מאַמע זאָלט איר דאָס פֿאַרדעקן.

מחותנתטע מײַנע, מחותנתטע געטרײַע,
אויף קינדער האָבן טוט מען בלוט פֿאַרגיסן
און טאָמער װעט איר זען, אַז דער זון האָט ליב די שנור
זאָל עס אײַך גאָרנישט פֿאַרדריסן.

מחותנתטע מײַנע, מחותנתטע געטרײַע,
איך פֿאָר צו אײַך מיט אַ פֿאַריקל,
טאָמער װעט איר זײַן אַ שלאַק, אַ בײזע שװיגער,
איז מײַן טאָכטער אויכעט אַן אַנטיקל.

מאַריאַשע



דאָרט, אין בוקאָװינע, ניט װײַט פֿונעם װעלדל,
פּאַשעט מאַריאַשע אַ סטאַדע אין פֿעלדל
און זי װײנט און זי זינגט:
— װאו זײַנען מײַנע גרויסע אָקסן? זאָגט עס מיר.

יאשא איז דורכן פֿעלד אדורכגעגאנגען,
האט ער געהערט מאריאשעס געזאנגען:
— מיידעלע, וואס איז דיר?
צי פֿעלן דיר דײַנע גרויסע אקן? זאג עס מיר.

— ווען דו וועסט מײַנע אקסן געפֿינען,
וועסטו פֿון מיר א קוש באקומען.
ניט נאר איינס, ניט נאר צוויי,
נאר 99 קושן, כסדר, איינס נאך איינס.

יאשא האט געוואלט זײַן לוין פֿארדינען,
איז ער געגאנגען די אקסן געפֿינען.
— מיידעלע, פֿארדינט מײַן לוין;
האסט צוגעזאגט א קוש געבן, גיב איצט שוין.

— וואלט מײַן מאמע אויפֿן שוועל ניט געשטאנען,
איז בײַ מיר קיין ליגן ניט פֿאראנען.
— מיידעלע, שאקרענטע!
האסט צוגעזאגט און ניט געגעבן, ציגאנקע!

ה. לייוויק לאַזאַר ווײַנער

ערגעץ ווײַט



ערגעץ ווײַט, ערגעץ ווײַט
ליגט דאָס לאַנד, דאָס פֿאַרבאָטענע.
זילבעריק בלויען די בערג
נאָך פֿון קיינעם באַטראָטענע.
ערגעץ טיף, ערגעץ טיף
אין דער ערד אײַנגעקנאָטענע.
וואַרטן אוצרות אויף אונדז,
וואַרטן אוצרות פֿאַרשאָטענע.

ערגעץ ווײַט, ערגעץ ווײַט
ליגט אַליין אַ געפֿאַנגענער.
אויף זײַן קאָפּ שטאַרבט די שײַן

פֿון דער זון, דער פֿאַרגאַנגענער.
ערגעץ וואַגלט ווער אום
טיף אין שניי, אַ פֿאַרשאָטענער
און געפֿינט ניט קיין וועג
צו דעם לאַנד, דעם פֿאַרבאָטענעם.

מיט דער דערלויבעניש פֿון פֿאַרלאַג מבנה

ה. לייוויק מיכל געלבאַרט

גיין דאַרף מען גיין



גייט מען זיך לאַנג, גייט מען זיך לאַנג,
בינדט מען די לענדן אַרום מיט אַ שטריק;
קלאַפּן די שיך, קלאַפּן די שיך
גייט מען זיך לאַנגזאַם, מען קוקט ניט צוריק.

איז ווער געשמידט, איז ווער געשמידט,
קען ניט צעקלאַפּן די קייט אָן אַ שטיין —
וואָס זאָל מען טאָן? וואָס זאָל מען טאָן? ...
טראָגט מען די קייטן, נאָר גיין דאַרף מען גיין.

גיט מען אונדז רו, גיט מען אונדז רו,
איינגעמידט ווערט אויך די האַנט, וועלכע שטראָפּט —
לייגט מען זיך שטיל, לייגט מען זיך שטיל
לייגט מען זיך שטיל אויף דער ערד און מען שלאָפֿט...

(דריטער פֿערז ווערט געזונגען, ווי דער ערשטער)

מ. קולבאַק

שטערנדל



שטערנדל, שטערנדל,
בלויער שטאַפּעטעלע;
זיי מיר אַ שליחל,
פֿאַל אין מיין שטעטעלע.

זען וועסטו אַ געסעלע,
נאָך דעם — אַ שטיבעלע;
דאָרטן געפֿינט זיך
מײַן חרוב שטיבעלע.

פֿרעג: וואָס מאַכט יענקעלע,
לאהצע און ריוועלע;
זאָג זיי: איך וויין און
איך קוש זייער בריוועלע.

זאָג זיי, אַז יענקעלען
זאָל מען ניט זשאַלעווען;
געבן אין חדר —
גענוג אים צו באַלעווען.

שטערנדל, שטערנדל, אאַז״וו.

פֿאַראייניקטע פֿעלקער

ייִדיש: ה. מייטין

די זון און די שטערן, זיי זינגען
אַ ליד, וואָס שלאָגט שטאַרק פֿון דער ערד,
דאָרט מענטשלעכע האָפֿענונגען קלינגען,
אַ הימן צו דער פֿרײַהייט זיך הערט.
פֿאַראייניקט פֿעלקער, שפּאַנט פֿאָרויס,
די פֿאָנען נעמט.
אין לעצטן שטרײַט פֿאַר פֿרײַהייט קעמפֿט,
צוזאַמען קעמפֿט.

ווי זיכער די זון גריסט דעם מאָרגן,
דער טײַך אין דעם ים פֿאַלט אַרײַן,
אַזוי וועט דער דור וואָס וועט קומען
אַ פֿרײַער און גליקלעכער זײַן.
פֿאַראייניקט פֿעלקער, אאַז"וו.

ש. אַנסקי — מיכל געלבאַרט

מיר וואַנדערן



מיר וואַנדערן, מיר וואַנדערן,
פֿון איין לאַנד אין דעם אַנדערן,
דורך הונגער און דורך קעלט ;
פֿאַרוואָגלטע, פֿאַרביטערטע,

פֿאַרפֿאָלגטע און פֿאַרציטערטע,
מיר, פֿרעמדע פֿון דער וועלט.

פֿון גלות טויזנטיאָריקן,
פֿון היינט און פֿון אַמאָליקן,
האָט אונדז זיך אָפּגעשטעלט:
אַ רייכטום גאָר אַן אַנדערער,
אַ כּוח פֿון אַ וואַנדערער,
וואָס גייט אום אויף דער וועלט

מיר טראָגן זוימען אײביקע,
פֿון גלייביקע, פֿון הייליקע,
אַ רויטע זון אונדז העלט;
מיר טראָגן׳אין דער אַרבעטסגאַס,
דורך פֿייער, בלוט און מענטשן־האַס,
אַ קומעדיקע וועלט.

אַ נייע וועלט, אַ גרעסערע,
אַ שענערע, אַ בעסערע,
וועט ווערן אויפֿגעשטעלט;
מיר בויען זי מיט אונדזער בלוט,
מיט אונדזער גייסט, מיט אונדזער מוט,
מיר בירגער פֿון דער וועלט.

מיר וואַנדערן, אאַז״וו.

מ. געבירטיק

מוזיק פון לאַזאַר ווײַנער

עס ברענט!



עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט!
אונדזער אָרעם שטעטל, נעבעך, ברענט!
בייזע ווינטן מיט ירגזון,
ברעכן, ברענען און צעבלאָזן —
אַלץ אַרום שוין ברענט.

און איר שטייט און קוקט אזוי זיך מיט פֿאַרלייגטע הענט,
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך ווי אונדזער שטעטל
ברענט.

עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט!
אונדזער אָרעם שטעטל, נעבעך, ברענט!
עס האָבן שוין די פֿײַערצונגען
דאָס גאַנצע שטעטל אײַנגעשלונגען,
אַלץ אַרום שוין ברענט.
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך מיט פֿאַרלייגטע הענט,
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך ווי אונדזער שטעטל
ברענט.

עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט!
עס קאָן, חלילה, קומען דער מאָמענט
אַז דאָס שטעטל מיט אײַך צוזאַמען
בלײַבן ווען ווי נאָך אַ שלאַכט
שוואַרצע פּוסטע ווענט.
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך מיט פֿאַרלייגטע הענט,
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך ווי אונדזער שטעטל
ברענט.

עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט!
די הילף איז נאָר אין אײַך געווענדט,
אַז דאָס שטעטל איז אײַך טײַער,
נעמט די כּלים, לעשט דאָס פֿײַער,
לעשט דאָס פֿײַער מיט אייגן בלוט.

שטייט נישט, ברידער, אַט אַזוי זיך מיט פֿאַרלייגטע הענט,
שטייט נישט, ברידער, לעשט דאָס פֿײַער, ווײַל אונדזער
שטעטל ברענט. (געשריבן אין געטאָ פֿון קראָקע, 1942.
גערקראָגן דורכן ייוואָ. דער מחבר איז
צווישן די קדושים)

* די לעצטע צוויי שורות (באַצייכנט מיטן שטערנדל) ווערן געזונגען מיט דער מעלאָדיע פֿון די לעצטע צוויי שורות פֿון די באַטן (באַצייכנט מיטן שטערנדל).

Copyright by Lazar Weiner, 1945

מ. געבירטיק

קינדער־יאָרן



קינדער יאָרן, זיסע קינדער יאָרן,
אייביק בלייבט איר וואַך אין מיין זכרון;
ווען איך טראַכט פֿון אייער צייט,
ווערט מיר אַזוי באַנג און לייד —
אוי, ווי שנעל בין איך שוין אַלט געוואָרן.

נאָך שטייט מיר דאָס שטיבל פאַר די אויגן,
וואו איך בין געבאָרן, אויפגעצויגן,
אויך מיין וויגל, זע איך דאָרט,
שטייט נאָך אויף דעם זעלבן אָרט, —
ווי אַ חלום איז דאָס אַלץ פאַרפלויגן.

און מיין מאַמע, אַך, ווי כ׳פלעג זי ליבן,
כאָטש זי האָט אין חדר מיך געטריבן,
יעדער קניפּ איז פון איר האַנט
מיר נאָך אַזוי גוט באַקאַנט —
כאָטש קיין צייכן איז מיר נישט פאַרבליבן.

נאָך זע איך דיך, פייגעלע דו שיינע,
נאָך קוש איך די רויטע בעקלעך דיינע,
דיינע אויגן, פול מיט חן,
דרינגען אין מיין האַרץ אַריין,
כ׳האָב געמיינט, דו וועסט אַמאָל זיין מיינע.

קינדער יאָרן, יונגע, שיינע בלומען,
צוריק צו מיר וועט איר שוין מער נית קומען.
פון דער שטוב נישטאָ קיין פלעק,
פייגעלע איז אויך אַוועק,
אוי, ווי שנעל בין איך שוין אַלט געוואָרן.

מ. געבירטיק

הוליעט, קינדערלעך

הוליעט, הוליעט קינדערלעך,
כל-זמן איר זייט נאָך יונג,
ווייל פון דעם פרילינג ביז צום ווינטער
איז אַ קאַצן שפּרונג.

שפּילט אייך ליבע קינדערלעך,
פאַרגינט מיר אויך דאָס גליק.
נעמט מיך אויך אַריין אין קאָן
אַט דעם אויגנבליק.

הוליעט, הוליעט א. אַ. וו.

מיין נשמה איז נאָך יונג
און בענקט נאָך לוסט און פרייד.
אוי ווי גערן וואָלט איך זיך
פון שווערן יאָך באַפרייט.

הוליעט, הוליעט א. אַ. וו.

שפּילט אייך ליבע קינדערלעך,
פאַרלירט קיין אויגנבליק.
ווייל די יוגנט עקט זיך באַלד
און אויך מיט איר דאָס גליק.

הוליעט, הוליעט א. אַ. וו.

א. רייזען

אַהיים צו מיר



אַהיים צו מיר וואָלסטו געגאַנגען
מיַין ליבסטע, מיַין אויג אין מיַין קאָפּ.
דיַין מאַמע, זי האַלט דיך געפֿאַנגען,
זי היט דיך, זי לאָזט דיך ניט אָפּ.

ווער האָט איר דערצו רעכט געגעבן ?
איך בין דאָס פֿאַרשטיין ניט אין שטאַנד.
איך ליב דיך פֿיל מערער, מיַין לעבן,
ווי טויזנטער מאַמעס באַנאַנד.

ח. נ. ביאַליק

די ווערבע



ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט,
ניי איך אַרום פאַרטראַכט;
ניט אויף באַרג און ניט אויף טאָל,
שטייט אַ ווערבע פון אַמאָל.

אַ גבירהטע אַ גרויסע,
איז די ווערבע אַלצדינג ווייסט זי,
ביי דער ווערבע וועל איך וועגן
מיין באַשערטן טאָקע פרעגן.

און זי וועט מיר אַלץ דערציילן,
צי מיין געליבטער קומט פון פוילן.
צי פון ליטע, צי פון זאַמוט,
אַ באַנקיר צי אַ מלמד.

צי אַ בלאָנדער, אַ ברונעטער,
אַ בחור, צי אַ געגטער.

און אפשר גאר אן אלטן יידן —
בין איך טאַטע ניט צופרידן.

איך וועל זאָגן: טאַטע טייט מיך,
נאָר ניט צום שידוך נייט מיך.
אוי, כ'וועל דאָס ניט אויסהאַלטן,
כ'וויל טאַטע ניט קיין אַלטן.

ח. נ. ביאַליק

אין מײַן גאָרטן



אין מיין גאָרטן האָט אַ ברונעם
מיט אַן עמער זיך געפונען,
אַלע שבת קומט דעריבער,
טרינקען וואַסער דאָרט מיין ליבער.

ווי מיין האַרץ, דער עמער וואַכט,
טריפט זיין גאָלד אין ברונעם זאַכט ;
טריפט אַ פּערל, טריפט אַ צווייטער —
אַט־אַ גייט ער, אַט־אַ גייט ער.

שאַ, מיר דוכט עס קלינגען טריט . . .
איז דאָס ער ? — און אפשר ניט ?
גיכער, גיכער ! קום מיין שיינער !
כ׳בין אליין און ווייטער קיינער . . .

זעצן מיר זיך דאָ ביים וואַנט,
קאָפּ צו אַקסל, האַנט אין האַנט . . .
כ׳וועל דיך פרעגן אַ פּאָר זאַכן,
זאָלסט, איך בעט דיך, נאָר ניט לאַכן.

זאָג, פון וואַנען קומט דער שמאַרץ,
ווי אַ וואָרעם נאָגט דאָס האַרץ ? —
ס׳האָט געהערט מיין מאַמע ריידן,
אַז דו ווילסט מיט מיר זיך שיידן.

זאָגט מיין ליבער : — גיי שוין, גיי,
שונאים זאָגן דאָס אַזוי, —
נאָך אַ יאָר, אַז גאָט וועט וועלן,
וועלן מיר אַ חופּה שטעלן . . .

י. ראלניק

לייג איך מיר אין בעט אַריין

לייג איך מיר אין בעט אריין
און לעש מיר אוים דעם פייער,
קומען וועט ער היינט צו מיר —
דער וואָס איז מיר טייער.

באַנען לויפן צוויי אַ טאָג,
איינע קומט אין אָוונט ;

כ׳הער דאָס קלינגען: גלין־גלין־גלאָן —
יאָ, ער איז שוין נאָענט.

איך הער מען גייט, מען קלאַפּט אין טיר,
מען רופט מיך אָן ביים נאָמען;
איך לויף אַראָפּ אַ באָרוועסע - -
יאָ ער איז געקומען.

ד״ר. חיים זשיטלאָווסקי

נישטאָ דער נעכטן

שוין נישטאָ דער נעכטן,
נאָך נישטאָ דער מאָרגן.
ס׳איז געבליבן אַ שטיקעלע היינט —
שטערט אים נישט מיט זאָרגן.
טראַ־לאַ־לאַ . . .

כאַפּט אַריין אַ שנעפּסל,
כל־זמן איר זייט ביים לעבן;
אם ירצה השם אויף יענער וועלט,
וועט מען אייך גאָר נישט געבן.
טראַ־לאַ־לאַ . . .

מ. קאַרמאַן מוזיק פֿון מיכל געלבאַרט

אין אַן אָרעם שטיבעלע



אין אַן אָרעם שטיבעלע,
אָוונט צייט ביים קומען;
שפּינט אַ ליבע מוטער דאָרט
פֿאַר דעם קינד אירם טרוימען
זינגט זי אים אַ לידעלע,
פּאַטשט ער מיט די הענטלעך;
זינגט דאָס גאַנצע שטיבעלע,
זינגען מיט די ווענטלעך.

פּאַטשע, פּאַטשע קיכעלעך,
אוצרל מיין שיינער;
פּאַפּע ט׳קויפן שיכעלעך —
זונעלע מיין קליינער.

פּאַפּע ט׳קויפן שיכעלעך,
מאַמע ט׳שטריקן זעקלעך;
פּאַפּע ט׳קויפן פערדעלעך —
מאַמע ט׳אָנטאָן גלעקלעך.

אַט אַזוי אין אַ שטיבעלע
הערשט אי גליק, אי פריידן,
זייט ביי זייט מיט אָרעמקייט
וואוינט דאָרט אַ גן־עדן.

גרעסער איז די ליבע דאָרט,
גרעסער איבער אַלעם;
שטאַרקער איז די ליבע דאָרט,
שטאַרקער ווי דער דלות.

מ. ראָזענפעלד מוזיק פון: גערשאָוויץ

גלות מאַרש



מיט דעם וואַנדערשטאָק אין האַנט,
אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד.
אָן אַ גואל, אָן אַ פרײַנד,
אָן אַ מאָרגן, אָן אַ הײַנט.
ניט געדולדעט, נאָר געיאָגט,
וואו גענעכטיקט, ניט געטאָגט.
תּמיד ווײ, ווײ, ווײ, — — —
תּמיד גײ, גײ, גײ, — — —
תּמיד שפּאַן, שפּאַן, שפּאַן, — — —
כּל־זמן כּוח איז פאַראַן.

און אַזוי אַ, יאָר נאָך יאָר,
און אַזוי אַ, דור נאָך דור.
אָן אַ האָפענונג, אָן אַ צוועק,
אײַנגעהילט אין גרויל און שרעק.
וואַנדלען מיר לאַנד אויס, לאַנד אײַן.
אין יִסורים און אין פּײַן.
תּמיד טרעט, טרעט, טרעט, — — — —
תּמיד בעט, בעט, בעט, — — — —
תּמיד נויט, נויט, נויט, — — — —
און קיין גליק אויך ניט צום טויט.

ב. מ. וואַרשאַווסקי

דעם מילנערס טרערן

אוי, וויפל יאָרן
זיינען פאַרפאָרן,
זייט איך בין מילנער אַט אַ־דאָ?
די רעדער דרייען זיך,
די יאָרן גייען זיך,
איך בין שוין אַלט און גרייז און גראָ.

כ׳האָב געהערט זאָגן,
מ׳וויל מיך פאַריאָגן,
אַרויס פון דאָרף און פון דער מיל;
די רעדער דרייען זיך,
די יאָרן גייען זיך,
אוי, אָן אָן עק און אָן אַ ציל.

ס׳איז מער פאַראַנען,
כ׳וויל זיך דערמאָנען,
צי כ׳האָב געהאַט אַ שטיקל גליק;

די רעדער דרייען זיך,
די יאָרן גייען זיך —
קיין ענטפער איז ניטאָ צוריק.

וואו וועל איך וואוינען,
ווער וועט מיך שוינען?
איך בין שוין אַלט, איך בין שוין מיד;
די רעדער דרייען זיך,
די יאָרן גייען זיך
און אויך מיט זיי גייט אוים דער ייד.

מ. מ. וואַרשאַווסקי

די מוזינקע אויסגעגעבן

שטאַרקער, פריילעך,
דו די מלכה, איך דער מלך,
אוי, אוי איך אליין,
האָב מיט מיינע אויגן געזען,
ווי גאָט האָט מיך מצליח געווען —
די מוזינקע אויסגעגעבן. (2)

אייזיק מזיק,
די באָבע גייט אַ קאָזיק.
קיין עין־הרע זעט נאָר זעט,
ווי זי טופּעט, ווי זי טרעט,
אוי אַ שמחה, אוי אַ פריידי —
די מוזינקע אויסגעגעבן. (2)

מאָטל שמעון,
אָרעמע לייט זיינען געקומען
גרייט פאַר זיי דעם שענסטן טיש,

טייערע וויינען, טייערע פיש,
אוי, מיין טאָכטער גיב מיר אַ קיש, —
די מוזינקע אויסגעגעבן. (2)

דער טייערער פעטער יאָסע,
די גוטע מומע סאָסיע,
האָבן מיר צום חתן מאָל,
טייערע וויינען און אַ צאָל,
מיר געשיקט פון ארץ־ישראל —
די מוזינקע אויסגעגעבן. (2)

מ. מ. וואַרשאַווסקי

מחותנים גייען

די מחותנים גייען קינדער,
לאָמיר זיך פרייען — שאַט נאָר שאַט!
דער חתן איז גאָר אַ וואונדער,
שפּילט אַ לידעלע דעם חתנס צד.
אײַ, אײַ, אײַ! . . .

אָט גייט דער פעטער קאָנע,
מיט דער מומע חנה — שאַט נאָר שאַט.
דאָס איז די בעסטע מתּנה,
שפּילט אַ לידעלע דעם חתנס צד.
אײַ, אײַ, אײַ! . . .

דעם חתנס שוועסטער פריידל,
זי דרייט זיך ווי אַ דריידל — שאַט נאָר שאַט.
נעמט זי אַריין אין רעדל,
שפּילט אַ לידעלע דעם חתנס צד.
אײַ, אײַ, אײַ! . . .

אַט גייט דער פעטער מינדיק,
וואָס האָבן מיר געזינדיקט — שאַט נאָר שאַט!
ער בלאָזט זיך ווי אַן אינדיק,
שפּילט אַ לידעלע דעם חתנם צד.
איי, איי, איי! . . .

מ. מ. וואַרשאַווסקי

דער בעכער

טייערע מלכה,
געזונט זאָלסטו זיין,
גיס אָן דעם בעכער,
דעם בעכער מיט וויין.
בים באם . . .

דער דאָזיקער בעכער
ער גלאַנצט אַזוי שיין,
האָט געטרונקען מיין זיידע,
מיט זיידע אַליין.
בים באם . . .

געווען שלעכטע ציטן,
ווי עס מאַכט זיך אַמאָל.
נאָר דעם בעכער האָב איך געהאַלטן,
אייזן און שטאָל.
בים באם . . .

טייערע מלכה,
געזונט זאָלסטו זיין,
פאַר וועמען זאָל איך טרינקען
דעם דאָזיקן וויין?
בים באם . . .

ב׳טרינק פאַר מיינע שונאים,
נאָר זאָג זיי ניט אויס.
קוק טרערן זיי שפּריצן
פון בעכער אַרויס.
בים באם . . .

פ. ב. וואַרשאַווסקי

80 ער און 70 ר

ס׳איז היינט אַקוראַט געוואָרן פופציק יאָר
זינט זיי לעבן זיך אין איינעם דאָס אַלטע פּאָר.
זיי האָבן זיך געעלטערט קוקט אייך צו -
אַכציק ער און זיבעציק זי!

נאָט האָט זיי מיט עושר און כבוד באַגליקט
און לעבן האָבן זיי זיך קיין מאָל ניט געקריגט,
נאָר נאָטעלע, נאָר באָבעלע רופן זיי זיך צו —
אַכציק ער און זיבעציק זי!

דער עולם האָט גענומען צו ביסלעך זיין,
דעם זיידן מיט דער באָבען אין ראָד אַריין,
די מומע איז געגאַנגען אַקעגן אויף אַ קני,
אַכציק ער און זיבעציק זי!

אַזוי האָט מען געהוליעט אַ האַלבע נאַכט,
— באָבעלע, זאָגט דער זיידע, אַ גוטע נאַכט!
שלאָף מיר געזונט און דעק זיך גוט צו —
אַכציק ער און זיבעציק זי!

די באָבע האָט אָנגעהויבן דרעמלען מיט אַמאָל,
איר חלום וועל איך אייך דערציילן אַן אַנדערש מאָל,
לאָמיר זיי ביידן לאָזן צו רו —
אַכציק ער און זיבעציק זי! . . . .

מ. מ. וואַרשאַווסקי

יום־טובֿדיקע טעג

אַז די יום־טובדיקע טעג הייבן זיך אָן באַווייזן,
ווער איך ביי מיר גדול;
איך לייג מיר אַוועק די שער און אייזן
און וואו כ׳האָב ביי מיר נאָר אַ נאָדל.
אויפגעהערט נייען, אַרבעט זוכן —
האַרצעדיקער טאַטע!
אַ ביסעלע זיין אום יום־טוב צו פאַראַכן
איז בעסער ווי לייגן אַ לאַטע.

באַטש אין דער מלחמה פאַרשטיי איך מיר ווייניק,
וואָס האָט מען דאָ צו שמיסן.
ווען איך זאָל זיין אַ גרויסער קעניג —
וואָלט איך פאַרבאָטן צו שיסן.
איך וואָלט ניט דערלאָזט אַזוינע רציחות,
איך וואָלט געזאָגט אָן מורא:
אַנשטאָט זיך צו שלאָגן, ביידע מלוכות,
בעסער גיין צו אַ דין־תורה.

אַז די יום־טובדיקע טעג הייבן אָן פאַרגיין,
האַרצעדיקער טאַטע;
איז ווידער שניידן, ווידער נייען
און ווידער לייגן אַ לאַטע.

ווידער ציט זיך דאָס אַלטע לעבן,
עס נעמט ביים האַרצן רייסן . . .
אוי וויי חנה, סערצע לעבן,
צי האָסטו ניט וואָס צו פאַרבייסן ? !

אַברהם גאָלדפאַדן

פלאַקער, פייער !

פלאַקער פייער פלאַקער,
קנאַק אונדז פריילעך צו,
לייכט אונדז צו ביז אין דערפרי ;
דער פויער רוט ביים אַקער,
דער פאַסטוך ביי זיינע פי,
יעדן איז ליב זיין מי.

לייגט-זשע צו האָלץ,
מיר מעגן זיין שטאָלץ,
פריילעך טאַנצן מיר אין קאָן ;
ווייל פאַסטוכער אַליין,
זיינען דאָך געווען,
אונדזערע אבות פון אייביק אָן.
פלאַקער פייער א. א. וו. . . .

דאָס פעלד איז אונדז ליב,
די לופט אין דער שטוב,
כ׳לעבן איז אומגעזונט ;
דאָס דערציילט אייך אַלצדינג
אייער אייגענע לונג,
מען באַקומט דאָרט אַ קראַנקע וואונד.

פלאַקער פייער א. א. וו. . . .

י. י. שוואַרץ	מיכל געלבאַרט

עבֿדים הינו



שקלאַפֿן זײַנען מיר געװען
גאָר אַמאָל אין לאַנד מצרים ;
דורות קומען און פֿאַרגייען —
ניט געװען װער ס'זאָל באַפֿרײַען.
עבדים הינו.

האָבן מיר דעם ליים געקנאָטן,
ציגל מאַכן פֿאַרן מויער.
אין די הערצער פֿון די שקלאַפֿן

האָט געגליט דער צער און טרויער.
עבדים היינו.

ס'האָט געברענט די זון פֿון מזרח
איבער פּלייצעס שטום געבויגן.
און דער אָנמעכטיקער צאָרן
האָט געטליִעט אין די אויגן.
עבדים היינו.

בלוט און פֿלייש אין ליים פֿאַרקנאָטן,
און די שקלאַפֿן שווייַגן, שטומען;
דורות קומען, דורות גייען —
ווען אַמאָל די גאולה קומען?
עבדים היינו.

ה. ראָזנבלאַט — מוזיק מיכל געלבאַרט

וואַנדער איך אַליין

אויף אַ שטילן וועג אַ שמאָלן,
צווישן בערג און צווישן טאָלן,
וואַנדער איך אַליין.

קיינער קומט מיר ניט אַנטקעגן,
מיר וואָס זאָגן, מיך וואָס פֿרעגן,
שפּאַן איך מיר אַליין.

פֿאַלט דער אָוונט צו אַ בלויער,
כאַפּט מיך אָן אַ שטילער טרויער,
טרויער איך אַליין.

טונקלער, טונקלער נעמט עס ווערן,
ס'צינדט זיך אָן דער ערשטער שטערן.
חלום איך אַליין.

אויף אַ שטילן וועג אַ שמאָלן,
צווישן טונקעלע בערג און טאָלן.
וואַנדער איך אַליין.

שלום עליכם

וויג־ליד



שלאָף מיין קינד מיין טרייסט מיין שיינער,
שלאָף־זשע זונעניו ;
שלאָף מיין קינד, מיין קדיש איינער
שלאָף־זשע, שלאָף, ליו־ליו.

ביי דיין וויגל זיצט דיין מאַמע,
זינגט אַ ליד און וויינט;
וועסט אַמאָל פאַרשטיין מסתמא,
וואָס זי האָט געמיינט.

אין אַמעריקע דער טאַטע
דיינער זונעניו,
ביסט אַ קינד נאָך, שלאָף לעת-עתה
שלאָף-זשע, שלאָף ליו-ליו.

ער וועט שיקן צוואַנציק טאָלער,
זיין פאָרטרעט דערצו;
ער וועט נעמען, לעבן זאָל ער
אונדז אַהינצו צו.

דאָרטן עסט מען אין דער וואָכן
חלה זונעניו,
איך וועל דיר דאָרט יאַיכלעך קאָכן
שלאָף-זשע, שלאָף ליו-ליו.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי   מוזיק פֿון מיכל געלבאַרט

אַ מעשהלע



אין הימל שווימט אַ וואָלקנדל,
אַ וואָלקנדל אָן רו . . .

יע וואָלקנדל, ניט וואָלקנדל —
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע . . .
דאָס וואָלקנדל ביסטו.
פון הימל פאַלט אַ רעגנדל,
עס מאַכט דער טאָג זיך צו . . .
יע רעגנדל, ניט רעגנדל —
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע —
דאָס רעגנדל ביסטו.
עס שלאָפט אין פעלד אַ זאַנגעלע,
אַ זאַנגעלע ליו־ליו . . .
יע זאַנגעלע, ניט זאַנגעלע —
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע —
דאָס רעגנדל ביסטו.
אַ מיל, אַ מיל, אַ מילכעלע,
און פליגלען פיר זשו־זשו . . .
יע מילכעלע, ניט מילכעלע —
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע —
דאָס מילכעלע ביסטו.
אַ וואָלקנדל, אַ רעגנדל,
אַ, מאַך די אויגן צו! . . .

מאַני לייב

אוי, מיידל, מיידל



אוי, מיידל, מיידל,
טרוי ניט דעם יינגל,
נעם ניט זײַן טײַערן
גאָלדענעם רינגל.

פֿאַלש איז דאָס יינגל,
וועט דיך פֿאַרגעסן.
וועט זיך דאָס גאָלדענע
רינגל פֿאַרלעשן.

וועט זיך פֿאַרלעשן,
שוואַרץ וועט עס ווערן
פֿון דײַנע זודיקע
מיידלשע טרערן.

מאני לייב — ב. יאסינאָווסקי

דער בלינדער



אין די וויגן וויינען קינדער,
וויגן מאַמעס צו:
— ליולינקע, ליו-ליו.
מיט אַ טאָרבע גייט אַ בלינדער,
שלעפּט זיך צו זײַן רו.
קלאַפּט דער בלינדער אין אַ טויער,
איז דער טויער צו.
זיפצט דער בלינדער אין זײַן טרויער:

— גאָט, פֿאַרנעם כאָטש ידו.
און בײַם טויער ליגט דער בלינדער,
דעקט די נאַכט אים צו...
װײנען אין די װיגן ׳קינדער,
װיגן מאַמעס צו:
— ליולינקע, ליו-ליו.

מיט דער דערלױבעניש פון דער מעטראָ מוזיק קאָמפּ.
64 צװײטע עװ., ניו־יאָרק, נ. י.

מ. געלבאַרט

בעטלער



גײט אַ בעטלער מיט זײַן לירע,
גײט זײַן בלינדע װײַב בײַם זײַט;
צימבלט ער אַ בעטלער-ניגון,
צימבלט, צימבלט — און ער שװײַגט.
צימבלט ער אַ בעטלער-ניגון,
צימבלט, צימבלט — און ער שװײַגט.

גייט אַ מאָלער מיט זײַן פּינדזל,
צייכנט, צייכנט און ער שווײַגט;
בעטלט אויס אין גאַס אַ טעמע,
בעטלט, בעטלט — און ער שווײַגט.
בעטלט אויס אין גאַס אַ טעמע,
בעטלט, בעטלט — און ער שווײַגט.

אײַלט אַ סוחר אין זײַן יאָגן,
יאָגט ער, יאָגט אַריבער צײַט;
אײַנצושלינגען גאַנצן האַנדל
אי פֿון נאָענט, אי פֿון ווײַט.
אײַנצושלינגען גאַנצן האַנדל
אי פֿון נאָענט, אי פֿון ווײַט.

גייט אַ דיכטער נאָך די בעטלער,
פֿלעכט זיי אַלעמען אין גראַם;
בעטלער, מאָלער און אויך סוחר —
נאָך דרײַ טראָפּנס אין זײַן ים...
בעטלער, מאָלער און אויך סוחר —
נאָך דרײַ טראָפּנס אין זײַן ים...

משה בראָדערזאָן   ישראל גלאַטשטיין

קלינגען גלעקער



קלינגען גלעקער, קלינגען גלאָקן —
בים און באַם;
זינגט דער ייִדע, זינגט דער זקן —
בים און באַם.
זינקען שטראַלן, מילדע פֿאַלן —
פֿלים און פֿלאַם;
זאָגט די באָבע, שיינע דאָבע:
„גאָט פֿון אַברהם."

אַ גוט וואָך דער וועלט דער גאַנצער —
אַ גוט וואָך.
טאַטע נאָך הבדלה־וויַין אַ
ביסל נאָך.
מאַמע מאָרגן וויַטער זאָרגן

אין דער קראַם.
קלינגען גלעקער, קלינגען גלאָקן —
בים און באָם!...

זישע לאַנדוי

אין דער פֿינצטער



אין דער פינצטער —זיינען דיינע אויגן שענער,
אין דער פינצטער — זיינען דיינע הענטלעך קלענער,
אין דער פינצטער — ווייט פֿון דיר מיט שטילער רו,
אין דער פינצטער, ווייכער, צאַרטער, בייגזאַמער ביסטו.

אין דער פינצטער—איז דיין פנים בלייכער, בלייכער.
אין דער פינצטער—זיינען דיינע פינגער ווייכער.
אין דער פינצטער—ווען דו מאַכסט די לאָדן צו.
אין דער פינצטער, ווייכער, צאַרטער, בייגזאַמער ביסטו.

אין דער פינצטעס—איז דיין פנים מילדער, מילדער,
אין דער פינצטער—קלאַפּט דיין הארץ אלץ ווילדער,
אין דער פינצטער—רופסטו מיך, איך וויים ניט וואו.
אין דער פינצטער, ווייכער, צאַרטער, בייגזאַמער ביסטו.

פרץ הירשביין

ימען רוישן



ימען רוישן, כוואַליעס שלאָגן,
נעכט און טעג;
הערצער שמאַכן, לעבנס קלאָגן,
קלאָגן.
אַלטע וועגן, זיי פֿאַרפֿירן
אַלע לעבנס צו איין ברעג;
יונגע וועגן, זיי באַצירן
דיינע טרוימען און זיי פֿירן
דיינע טרוימען צו אַ ברעג.
מיינע שטערן שיינען העלער
אויף מיין וועג.
זאָל דער מאָרגן קומען שנעלער,
שנעלער.

פלאַקערט העלער מײַנע פֿלאַמען,
מײַנע טרוימען אויף מײַן וועג!
פֿלאַקערט העלער בערג און ימען,
ס'ברענט מײַן האַרץ אין מײַנע פֿלאַמען,
מײַנע טרוימען אויף מײַן וועג.

שרה באַרקאַן **ה. וואָלאָוויץ**

נאָדעלע



נאָדל, נאָדל, נאָדעלע,
שטעך דורך דעם געוואַנט.
אַ פֿאָדעם אין דײַן אײגעלע,
לאָז דורכגײן מײַן האַנט.
פֿאַל ניט, פֿאַל ניט, נאָדעלע,
פֿון מײַן מידער האַנט.
מיר טאַנצן דאָך אַ נאָדל־טאַנץ,
אויף זײַד און אויף געוואַנט.

ווען דער טאָג וועט שלאָפֿן גיין,
רוסטו אין מײַן לאַין:
נאָדל, נאָדל, נאָדעלע,
נאָדעלע, מײַן שאַין.
פֿאַל ניט, אאַז"וו.

מיכל קאַפּלאַן

בײַם אָפּשייד



ווען ענדיקן וועסטו דײַן לאַנגע נסיעה
און קומען בשלום אַהיים,
דערצײַל דאָרט פֿון אַלעם, דערצייל נאָר פֿון מיר ניט;
איך בעט דיך: מיך לאָז אין געהיים.

און וועט אויף מיר פֿרעגן מײַן טאַטע, מײַן מאַמע,
דערצייל ניט פֿון אַלץ וואָס דו ווייסט.
דערצייל זיי: איך עס דאָ געבראָטנס און ווייצנס —
זיי וועלן האָבן הנאה — פֿאַרשטייסט?

און וועט אויף מיר פֿרעגן אַ מיידל, אַ בלאַסע —
דו ווייסט דאָך שוין וועמען איך מיין.
איר מעגסטו דערציילן פֿון אַלעס, פֿון אַלעס...
נאָר זי וועט ניט פֿרעגן — אָ, ניין.

נאָר אויפֿהייבן וועט זי צוויי אויגן, ווי קאַרשן,
אַ קוק טאָן, אַ מילדן, אויף דיר;
און וועט זיך פֿאַרשעמען, פֿאַרשאַרן אַ לאָק...
נו, לאָז איר גריסן פֿון מיר.

עליזאַ גרינבלאַט

דו, דו

איך גיי אַרום בײַם ברעג פֿון ים
און זוך דיך אַלץ אַרום.
אַ שטילע כוואַליע מורמלט קוים
דעם צויבער פֿון דײַן שטים.
דו, דו.
שפּרייטן זיך די הימלען אויס
העט ווײַט־ווײַט אַוועק.

פֿליט אַ ווינטעלע אָן שטיל
און קלאַפּט אָן בײַם ברעג.
דו, דו.
סודעט זיך דאָס ווינטעלע
מיט הימלישן געזאַנג.
אין מײַן הארצן טיף בײַ מיר
פֿלאַטערט אַ פֿאַרלאַנג.
דו, דו.
נעמט מײַן בענקשאַפֿט ווינטלעך אויף
און טראָגט אַוועק אַ גרוס.
זאָגט אים אַז איך בענק אַזוי —
איך גיי פֿון בענקשאַפֿט אויס.
דו, דו.

משה קולבאַק

אַ בחור אַ הולטײַ



כ׳בין אַ בחור אַ הולטיי,
מיט אַ גרויסן שטעקן.
טיי־רא ריי ריי ריי ריי, } 2
שפּאַן אין אַלע עקן.

קום איך צו אַ קרעטשמע צו,
קלאַפּ איך אָן אין טויער.
— ווער ביסטו און ווער ביסטו? } 2
— ענטפער איך אַ גייער.

לײדיק־גייער, אַזוי פרי,
חוצפהניק פאַרשייטער!
— טיי־ריי־ריי־ריי . . . } 2
און איך גיי זיך ווייטער.

קום איך צו אַ ברונעם צו,
טרינק זיך אָן מיט וואַסער.
און איך שטיי אין מאָרגן שיין } 2
ווי אַ האָן אַ נאַסער.

פאָרט אַ פויערל פאַרביי:
„צאַ סליכאַטש נאַ סוויעטשע?
ווייס איך ניט און איך זאָג: } 2
סוויעטשע, פּעטשע, מעטשע!

יהודה הלוי

ים-לידער



ב'האָב פֿאַרגעסן אַלע ליבסטע,
ב'האָב פֿאַרלאָזט מײַן אייגן הויז,
ב'האָב דעם ים זיך אָפּגעגעבן,
טראָג מיך, ים, צום מוטערס שויס.
און דו, מערב-ווינט, געטרײַער
טרײַב מײַן שיף צו יענעם ברעג,
וואָס מײַן האַרץ מיט אָדלער-פֿליגל
זוכט שוין לאַנג צו איר אַ וועג.

ברענג מיך נאָר אַהין בשלום,
נאָך דעם פֿלי זיך דיר צוריק.

גריסן זאָלסטו אַלע ליבסטע
און דערצייל זיי פֿון מײַן גליק.
און דו, מערב־ווינט אַוז״ו.

י. ב. ביאַלאָסטאָצקי — מיכל געלבאַרט

אַ ניגון ווי דו



ווען איך זאָל נאָר שטיל פֿאַרוויגן
כאָטש אַ ווײַלע זיך אין רו,
וואָלט איך אויסגעשפּינט אַ ניגון,
שטיל און צאַרט, אַזוי ווי דו.

כ׳וואָלט פֿון שאָטנס אַ וויג געשפּונען
און פֿאַרדעקט מיט הימל־בלאָ;
און אין טראָפּנס טוי געפֿונען
ליכט פֿון אויסגעטרוימטער שעה.

נאָר מײַן האַרץ, ווי בּרי פֿון וואונדן,
וואַרפֿט זיך תּמיד הין און הער;
בּרענט מײַן ניגון אָנגעצונדן,
און דו לעשט עס מיט דײַן טרער...

טוט דײַן ליבשאַפֿט מיך פֿאַרוויגן,
קומט אַ שעה פֿון שטילער רו — —
כ'וועל נאָך אויסטראַכטן אַ ניגון,
דין און צאַרט, אַזוי ווי דו.

ב. שאַפֿיר | מוזיק פֿון פּרץ הירשבּיין

אויפֿן בוידעם שלאָפֿט דער דאַך



אויפֿן בוידעם שלאָפֿט דער דאַך,
צוגעדעקט מיט שינדעלעך ;
און מיין קינד אין וויגל שלאָפֿט,
נאַקעט גאָר, אָן ווינדעלעך.
האָפּ־האָפּ, אָט אַזוי,
עסט די ציג פֿון דאַך די שטרוי.

אויפֿן בוידעם הענגט אַ וויג,
וויגט זיך דאָרט אַ שפּין אין איר ;
נעמט ער מיין חיונה צו,
און דעם דלות לאָזט ער מיר.
האָפּ־האָפּ, אָט אַזוי,
עסט די ציג פֿון דאַך די שטרוי.

אויפֿן בוידעם זיצט אַ האָן,
איז זיין קאַם גאָר פֿייער רויט ;
ווען מיין וויב וואָלט וועלן גיין,
ערגעץ באָרגן אַ לאַבן ברויט,
האָפּ־האָפּ, אָט אַזוי,
עסט די ציג פֿון דאַך די שטרוי.

ה. דאַווידאָוויטש

פֿרייד פֿון ערד



אײַ ס'איז גוט און אײַ ס'איז גוט,
און אײַ ס'איז גוט, ס'איז גוט אונדז ;
פֿרייד פֿון ערד איז אונדז באַשערט,
אַ פֿרייד פֿון קראַפֿט און לעבן.

פֿרייד פֿון ערד איז אונדז באַשערט,
פֿרייד פֿון ערד איז אונדז באַשערט,
פֿרייד פֿון ערד איז אונדז באַשערט,
פֿרייד פֿון קראַפֿט און לעבנס־פֿרייד.

נאָך אַ טאַנץ און נאָך אַ טאַנץ
און נאָך אַ טאַנץ און אַלע טאַנצן.

נאָך אַ טאַנץ און נאָך אַ טאַנץ
און נאָך אַ טאַנץ און אַלע טאַנצן.

פֿרייד פֿון פֿיס און פֿרייד פֿון הענט,
און פֿרייד פֿון קראַפֿט און לעבנס־פֿרייד.
פֿרייד פֿון פֿיס און פֿרייד פֿון הענט,
פֿרייד פֿון זייען און פֿון פֿלאַנצן.

אײַ ס'איז גוט, אַאַז"ו.
דוד איינהאָרן

נאָר אַ מאַמע



איי־ליו־ליו־ליו . . .
שלאָף מיין טייערער אין רו.
וואויל איז דעם וואָס האָט אַ מאַמען
און אַ וויגעלע דערצו,
איי־ליו־ליו־ליו־ליו.

אַלצדינג קען מען נאָך געפינען,
אַלצדינג קריגט מען נאָך פאַר געלט.
נאָר אַ מאַמע זי איז אײנע —
מערניט אײנע אויף דער װעלט.
איי-ליו-ליו-ליו-ליו.

שלאָף מײַן טײַערער, מײַן ליבער,
מאַך די אויגן צו און רו.
גוט איז דעם װאָס האָט אַ מאַמען
און אַ װיגעלע דערצו.
איי-ליו-ליו-ליו-ליו.

ה. מייטין　　　　מיכל געלבאַרט

קינדער װײנען



ס'װײנען ביימעלעך אין װאַלד,
יעדער צװײַגל יאָמערט ביטער,
בלאַט נאָך בלאַט אין טרויער פאַלט —
שטייט דער װאַלד אין שרעק און ציטער.

ס'וויינען היהליך אין וואלד,
יעדער העזל יאָמערט ביטער,
טרער נאָך טרער אָן אויפהער פאַלט — —
פילן גרעזליך שרעק און ציטער.

ס'וויינען פייגעליך אין וואלד,
הערט מען שוין ניט מער קיין לידער.
נעסט נאָך נעסט אין שטויב צעפאַלט — —
וויינען פייגל, וויינען ביטער.

ס'וויינען קינדערליך אין וואלד,
ס'גייט דער טויט אום, ווי א שניטער;
קינד נאָך קינד פון הונגער פאַלט — —
שטייט די וועלט און יאָמערט ביטער . . .
יהואָש

די פראָש



געווען איז א פראָש אין א גרין סאַמעט קלייד,
קווא-קווא . . .
געווען איז א פראָש אין א גרין סאַמעט קלייד,

מיט אַ פאַרטעך אַ ווייסן פון פאַרגנט פאַרשפּריים.
קוואַ־קוואַ . . .

איר שטוב איז געווען פון לויטער אַ־איר,
קוואַ־קוואַ . . .
איר שטוב איז געווען פון לויטער אַ־איר,
פון שטראַלן די פענצטער, פון וואַסער די טיר.
קוואַ־קוואַ . . .

פון טייך אויפן ברעג, און פון ברעג אינעם טייך,
קוואַ־קוואַ . . .
פון טייך אויפן ברעג, און פון ברעג אינעם טייך,
ווער האָט אַזאַ מאַנטל, ווער איז אַזוי רייך?
קוואַ־קוואַ . . .

איז געקומען אַ בושל, אַ הויכער צו גיין,
קוואַ־קוואַ . . .
איז געקומען אַ בושל, אַ הויכער צו גיין,
די פיס ווי די שפּענער, דער שנאָבל פון ביין.
קוואַ־קוואַ . . .

האָט גענומען די פראָש אינעם גרין סאַמעט קלייד,
קוואַ־קוואַ . . .
האָט גענומען די פראָש אינעם גרין סאַמעט קלייד,
פאַר די קינדערלעך זיינע אַ סעודה געגרייט.
קוואַ־קוואַ . . .

י. פאפיערניקאוו

זאָל זיין



זאָל זיין, אַז איך בוי אין דער לופט מיינע שלעסער,
זאָל זיין, אַז מיין גאָט איז אין גאַנצן נישטאָ,
אין טרוים איז מיר העלער,
2 אין טרוים איז מיר בעסער
אין חלום דער הימל — נאָך בלויער פון בלאָ

זאָל זיין, אַז כ'וועל קיינמאָל צום ציל ניט דערלאַנגען,
זאָל זיין, אַז מיין שיף וועט ניט קומען צום ברעג.
2 מיר גייט ניט אין דעם, איך זאָל האָבן דערגאַנגען,
מיר גייט נאָר—דער גאַנג אויף אַ זוניקן וועג...

מ. קולבאַק　　　　　　　　מיכל געלבאַרט

פעטער איצע



ס'האָט דער פעטער איצע
אויסגעלערנט שניידערײַ,
מאַכט ער אַלטע סערעמענגעס
פונקט ווי שפּיגל-נײַ.

קומט ער אין אַ דערפעלע
מיט זײַן נאָדל, פאָדים;
הענגט ער אַרויס אַ שילדעלע:
„דאָ פאַרריכט מען בגדים".

אויסגעלאטעט אַט דעם דאַרף,
גייט ער אין אַ צווייטן ;
ביז ער לאָזט ארויס פֿון האַנט
דעם געגנט אַ באַנייטן.

קומט ער אין אַ דערפֿעלע
מיט זיין נאָדל, פֿאָדים ;
הענגט ער אויס אַ שילדעלע :
„דאָ פֿאַרריכט מען בגדים".

פֿון רוסיש   מיכל געלבאַרט

אַ גוטע נאַכט



שיינען שטערן אויפֿן הימל,
די לבנה לייכט — אַ פּראַכט ;
הימל, שטערן און לבנה
ווינטשן אונדז אַ גוטע נאַכט.
גוטע נאַכט — אַ גוטע נאַכט.

הימל, שטערן און לבנה,
וואָס האָט איר פֿאַר אונדז געבראַכט?
שטילע רו און זיסן חלום,
און אַ ליבע, גוטע נאַכט.
גוטע נאַכט — אַ גוטע נאַכט.

בערטאַ קלינג — מיכל געלבאַרט

איך וועל לײַדן



איך וועל לײַדן פֿון דײַן טאַטן,
איך וועל לײַדן פֿון דײַן מאַמען,
איך וועל לײַדן פֿון דיר —
נאָר מיט דיר צוזאַמען.

איך וועל ליידן פֿון דיינע פֿריינד,
זיך ניט קלאָגן פֿאַר קיינעם.
איך וועל ליידן פֿון דיר —
נאָר מיט דיר אין איינעם.

איך וועל ליידן פֿון לעבן,
זיך ניט טיילן מיט קיינעם.
איך וועל ליידן פֿון דיר —
נאָר מיט דיר אין איינעם.

א. קאַצענעלזאָן מוזיק פֿון י. גאָלדשטיין

דריי בעל־מלאכות

בין איך מיר אַ שניידערל,
רופֿט מען מיך רב גאָדל;
צי איך מיר אַזוי אַריין
אַ פֿאָדעם אין אַ נאָדל.
כ׳מאַך אין עק אַ קניפּעלע —
ניי און ניי כסדר;
אָט־אַזוי און אָט־אַזוי
ניי איך מיר די קליידער.
טוריי! טוריי!
ניי איך מיר די קליידער.

בין איך מיר אַ שוסטערל,
רופֿט מען מיך רב מיכל;
נעם איך מיר אַזוי דעם אָל
און שטעך אַריין אין שיכל.
ווערט אין זויל אַ לעכעלע,
שטעך איך אָן אַ טשוועקל;

אַט־אַזוי און אַט־אַזוי
קלאַפּ איך מיטן העקל.
קלאַפּ און קלאַפּ! קלאַפּ און קלאַפּ!
קלאַפּ איך מיטן העקל.

איציק מאַנגער

יוסף בער



הייסן הייס איך יוסף בער,
און איך דין אין מיליטער —
אוי־ראַ־ראַ, אוי־ראַ, אוי־ראַ.
שטיוול טראָג איך, אַ מונדיר,
ווי להבדיל אַן אָפיציר —
אוי־ראַ־ראַ, אוי־ראַ, אוי־ראַ.

געווען בין איך אַ שוסטער יונג,
געלעקט פּאַדעשוועס מיטן צונג —
אוי־ראַ־ראַ, אוי־ראַ, אוי־ראַ.
היינט האָב איך אַ ביקס, אַ שווערד,
שוסטעריי האָב איך אין דר'ערד —
אוי־ראַ־ראַ, אוי־ראַ, אוי־ראַ.

מיט דעם בּעזעם איז מיר גרינג,
כּ׳קער קאַזאַרמעס און איך זינג —
אוי־ראַ־ראַ, אוי־ראַ, אוי־ראַ.
ס׳ענדיקט זיך די בּעזעם־שלאַכט,
דאַנק איך גאָט ס׳פֿאַלט צו די נאַכט —
אוי־ראַ־ראַ, אוי־ראַ, אוי־ראַ.

גיי איך זיך אין גאַס אַרויס
און איך זוך אַ מיידל אויס —
אוי־ראַ־ראַ, אוי־ראַ, אוי־ראַ.
גיבּ איך זיך צו איר אַ בּויג
און אַ פּינטל מיטן אויג —
אוי־ראַ־ראַ, אוי־ראַ, אוי־ראַ.

פֿאַרבּעט זי מיך אין קיך אַרײַן,
גיט מיר בּראָנפֿן גיט מיר ווײַן —
אוי־ראַ־ראַ, אוי־ראַ, אוי־ראַ.
ז׳גיט מיר בּולקע, פֿיש און כריין
אוי, אַ מיידל, מלא חן —
אוי־ראַ־ראַ, אוי־ראַ, אוי־ראַ.

אַ שנײַדערל

בין איך מיר אַ שניידערל,
אַ נאָדל האַלטן קען איך ניט אין האַנט.
שטעל איך מיר אַרוים אַ וויוועסקע,
אַז איך פּרעס געוואַנט.
פרעגט וואָס קען איך?
טידל־דידל דאַם!
אַז איך פּרעס, פאַרברען איך,
טידל־דידל־דאַם!
האָט ניט קיין פאַריבל,
ס׳איז אַלעס פאַרן ריבל —
טידל־דידל־דידל דאַם.

בין איך מיר אַ בעקערל,
אַ טייגל מאַכן קומט מיר אָן מיטן טוי:
שטעל איך מיר אַרוים אַ וויוועסקע,
אַז איך באַק דאָ ברויט.
פרעגט וואָס קען איך, —
טידל־דידל־דאַם!
אַז איך באַק, פאַרברען איך. —
טידל־דידל דאַם.
ס׳איז אַלעס פאַרן ריבל —
האָט ניט קיין פאַריבל,
טידל־דידל דאַם!

כאַצקעלע



— כאַצקעלע, כאַצקעלע,
שפּיל מיר אַ קאַזאַצקעלע!
כאַטש אַן אָרעמינקע,
דאָך אַ כוואַטסקעלע!

אָרעם איז ניט גוט,
אָרעם איז ניט גוט,
לאָמיר זיך ניט שעמען
מיט אונדזער אייגן בלוט.

כאַטש אַן אָרעמינקע, —
ניט קיין געבעטענע, —
אליין געקומען,
פאַרט אַ מומע.
אָרעם איז ניט גוט, אאַז"וו.

ש. צעסלער — מוזיק פון ה. וואלאָוויטש

מיר קומען אָן



מיר קומען אָן, מיר קומען אָן,
מיר שפּאַנען פריילעך און מאַרשירן.
הויך פלאַטערט אונדזער העלע פאָן,
די פאָן פון לערנען און שטודירן.

און ריטמיש קלאַפּן טריט אין גאַנג,
און הילכיק קלינגט אונדזער געזאַנג.
ס'מאַרשירט אין ריי, מאַרשירט אין ריי,
די יונגע שול, די שולאַרמיי.
מיר קומען אָן מיט העלער פֿרייד,
מיר טראָגן גלויבן, מוט און האָפֿן.
עס ציט פֿאָרויס די שילער קייט,
פֿון מזרח, מערבֿ, דרום, צפֿון.
און ריטמיש קלאַפּן, אאַז"וו.

נחום יוד — מוזיק פֿון יוסף טשערניאַווסקי

הערט אַ מעשה, קינדערלעך



הערט אַ מעשה, קינדערלעך,
הערט מיט נאָז און אויגן,
איבער באָבע יאַכנעס דאַך
איז אַ קו געפֿלויגן.

דאָס איז אמת, דאָס איז אמת,
דאָס איז אמת אַלץ געווען.
דאָס איז אמת, דאָס איז אמת,
איך האָב דאָס אַליין געזען.

זומער אָוונט אין דער פרי
איז אַ שניי געגאַנגען,
און אויף אַ געברענטן שטרוי
איז אַ בער געהאַנגען.
דאָס איז אמת, אאַז"וו.

אויף אַ בוים געטאַנצט אַ שער
האָבן גענדז און ציגן;
און די קאַץ האָט זיך געזעצט
אויסמעלקן די פליגן.
דאָס איז אמת, אאַז"וו.

האָט אַ פּאַווע אײַנגעשפּאַנט,
העכט אַ פּאָר אין צעבער,
און בײַ יאַשקען אויף דער נאָז
הענגט אַ לונג און לעבער.
דאָס איז אמת, אאַז"וו.

ז. וויינפער — מוזיק פון: נ. זאַסלאַווסקי

איינס און צוויי



איינס און צוויי, דרייַ און פיר,
איינס און צוויי, דרייַ און פיר —
איינס און צוויי איז דרייַ; פיר און פיר איז אַכט;
זון באַהעלט אויפן קאַרק
אונדזער וועלט, פון אַ באַרג
לעבן איז כּדאַי. האָט זיך ווער צעלאַכט:

זום-זום-זום, כאַ-כאַ-כאַ!
זום-זום-זום? — כאַ-כאַ-כאַ!
פרעגט בײַ מיר אַ פליג.. — ווער-זשע לאַכט עס דאָרט?
טראַ-לאַ-לאַ, כאַ-כאַ-כאַ!
טראַ-לאַ-לאַ . . . כאַ-כאַ-כאַ! —
ענטפער איך צוריק. מער דאָך ניט קיין וואָרט.

מאַני לייב   מוזיק פֿון מיכל געלבאַרט

אַ וויגליד



אײַ ליו-ליו-ליו, נאַכט און רעגן,
אײַ ליו-ליו-ליו, נאַכט און ווינט.
אין דער נאַכט און אין דעם רעגן,
אין דער נאַכט און אין דעם ווינט,
גייען מענטשן אויף די וועגן,
נאַס און הונגעריק ווי הינט.
און פֿאַרוואָגלטע ווי הינט.

אײַ ליו־ליו, נאַכט און רעגן,
אײַ ליו־ליו, נאַכט און ווינט.
ליולינקע מײַן קינד.

און וואָהין די מענטשן גייען,
ווייס די נאַכט און ווייס דער ווינט.
אָן געוויין און אָן געשרייען,
אין דער נאַכט און אין דעם ווינט.
גייען זיי אין שוואַרצע רייען,
נאַס און הונגעריק ווי הינט.
און געטריבענע ווי הינט.

אײַ ליו־ליו, נאַכט און רעגן,
אײַ ליו־ליו, נאַכט און ווינט.
ליולינקע מײַן קינד.

י. גויכבערג — מוזיק פון: מיכל געלבאַרט

דרײַ ייִנגעלעך



די מאַמע האָט דרײַ ייִנגעלעך,
דרײַ ייִנגעלעך געהאַט.
מיט ווייכע, רויטע בעקעלעך,
ווי צאַרטער סאַמעט גלאַט.

האָט איינס געהייסן בערעלע,
דאָס צווייטע חיים שמערעלע,
דאָס דריטע האָט געהייסן, —
מע זאָל אים קויפן שיך.

איך האָב אײַך אָפּגענאַרט,
איך האָב געוואוסט איר וואָרט.
דאָס דריטע קליינע ייִנגעלע —
דאָס דריטע דאָס בין איך.

די מאַמע האָט דרײַ ניסעלעך,
פֿון דעם יאַריד געבראַכט.
דרײַ גוטע, פֿעטע ניסעלעך,
דרײַ ניסעלעך אַ פּראַכט.

איז איינס געווען פֿאַר בערעלען
און איינס פֿאַר חיים שמערעלען,
און גאָר דאָס בעסטע ניסל —
האָט זי געלאָזט פֿאַר זיך.

איר וואונדערט זיך אַ ביסל —
פֿאַר וואָס ניט מיר אַ ניסל?
ווײַל ניסן ניסן ניסעלע —
דאָס דריטע דאָס בין איך.

א. קאַצענעלזאָן — מוזיק פֿון י. גאָלדשטיין

פֿעלד אַרבעט

— הערט נאָר איר, ענטפֿערט מיר,
ענטפֿערט מיר גענויער;
זאָגט מיר דאָס: מיט וואָס, מיט וואָס,
אַקערט ער, דער פּויער?
— קום אַהער, ס'איז ניט שווער,
דיר ענטפֿערן גענויער:
מיט אַן אַקער, מיט אַן אַקער,
אַקערט ער, דער פּויער. (2

— הערט נאָר איר, ענטפֿערט מיר,
ענטפֿערט מיר גענויער;

זאָגט מיר דאָס: מיט וואָס, מיט וואָס,
שנײַדט אין פֿעלד דער פּויער?
— קום אַהער, ס'איז ניט שווער,
דיר ענטפֿערן גענויער:
מיט אַ קאָסע, מיט אַ קאָסע,
שנײַדט אין פֿעלד דער פּויער. (2



זיצן, זיצן זיבן קינדער



זיצן, זיצן זיבן קינדער
ביי דעם טייך און ברונעם (2
זאָגט איינער צו דעם אַנדערן:
וואָלט מיין טאַטע קומען (2
וואָלט איך זיך פאַרשטעלט פאַר א האָז,
וואָלט איך געשפרונגען איבער גראָז.
וואָלט מיר וואויל באַקומען. (2

זיצן, זיצן אאַז"וו.
וואָלט איך זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בער,
וואָלט איך געטאַנצט הין און הער.
וואָלט מיר וואויל באַקומען. (2

זיצן, זיצן אאז״וו.
וואָלט איך מיך פאַרשטעלט פאַר אַ בין,
וואָלט איך געפלויגן הער און הין.
וואָלט מיר וואַיל באַקומען. (2

מ. בראָדערזאָן — מוזיק פון י. גאָלדשטיין

ציפעלע



עס האָט די קליינע ציפעלע,
פאַרביסן זיך אַ ליפעלע.
— אָ, ציפעלע וואָס וויינסטו,
אָן עפעלע — דאָס מיינסטו ?
— אָ, ניין, ניין, ניין —
ווער זאָגט עס, אַז איך וויין ?

עס האָט די קליינע ציפעלע,
פאַרקניפּט איר מויל אַ קניפּעלע.

— אָ, ציפּעלע וואָס ווינסטו,
צוויי עפּעלעך — דאָס מיינסטו ?
— אָ, ניין, ניין, ניין —
ווער זאָגט עס, אַז איך וויין ?

און ס׳טרייסלט זיך איר קעפּעלע
צוזאַמען מיט איר צעפּעלע,
— אָ, ציפּעלע וואָס ווינסטו,
דריי עפּעלעך דאָס מיינסטו ?
— אָ, ניין, ניין, ניין —
איך וויל אַ קוש — נישט מיין !

חנוכה, אוי, חנוכה

אוי, חנוכה, אוי חנוכה אַ יום־טוב אַ שיינער
אַ לוסטיקער, אַ פריילעכער ניטאָ נאָך אַזוינער,
אַלע נאַכט אין דריידל שפּילן מיר,
זודיק הייסע לאַטקעס עסט אָן אַ שיר.
געשווינדער,
צינדט קינדער
די דינינקע ליכטעלעך אָן.
זאָל יעדער באַזונדער,
באַזינגען דעם וואונדער,
און טאַנצן פריילעך אין קאָן.

אַלף קאַץ

אַכט קלײנע ברידער



אַכט קלײנע ברידער,
פֿון אַ גרױסן פֿלאַם,
זינגען שטומע לידער
פֿון אַ בראַון שטאַם.

פֿון אַ שטאַם פֿון קריגער,
מוטיק און געטרײַ,
און פֿון שטאָלצע זיגער
איבער שקלאַפֿערײַ.

אַכט שטומע עדות, —
אײַער ליכט דערמאַנט
אָן די עלטער ײִדעס
פֿון אַ װײַטן לאַנד.

פורים-ליד

הײַנט איז פּורים ברידער,
עס איז דער יום-טוב גרויס,
לאָמיר זינגען לידער
און גײן פון הויז צו הויז.
לאַך אידעלע, לאַך,
אַ יום-טובֿל מאַך!
קינדס קינדער געדענקען דעם נס.
זינגט קינדערלעך ,זינגט!
טאַנצט פריילעך און שפּרינגט!
דעם טײַערן טאָג ניט פאַרגעסט.

מ. פּיראָזשניקאָוו

המן-טאַשן

יאַכנע דװאָשע פאָרט אין שטאָט,
האַלט זיך אין אײן פּאַקן.
זי דאַרף אויף פּורים קויפן מעל —
המן-טאַשן באַקן.

האָפּ מײַנע המן-טאַשן,
האָפּ מײַנע װײַסע;
האָפּ, מיט מײַנע המן-טאַשן,
האָט פּאַסירט אַ מעשה.

ס׳גײט אַ רעגן, ס׳גײט אַ שנײ,
ס׳קאַפּעט פון די דעכער;
יאַכנע פירט שוין קאָרן מעל,
אין אַ זאַק פול לעכער.

האָפּ מיינע א. אַ. וו. . . .

יאַכנע טראָגט שוין שלח-מנות,
צו דער מומען יענטע;
צוויי דריי שוואַרצע המן-טאַשן,
האַלב רוי, האַלב פאַרברענטע.

האָפּ מיינע א. אַ. וו. . . .

י. לוקאָווסקי — מוזיק פון מיכל געלבאַרט

חד-גדיא



איך האָב פאַר אייך אַ מעשהלע

אַ מעשהלע גאָר שיין:
דער טאַטע האָט אַ ציגעלע
געקויפט פאַר צוויי גילדיין.

אַ ציגעלע אַ ווייסינקע,
אַ שייניגקע ווי גאָלד,
און צוויי גילדיין מזומנענע
האָט ער פאַר איר באַצאָלט.
חד־גדיא!

איז דאָך אין הויף אַ קאַץ געווען,
אַ מזיק ווי באַוואוסט;
האָט קעצלען זיך פאַרצוקן גאָר
דאָס ציגעלע פאַרגלוסט.

דערזען האָט עס הינטעלע,
פאַרדריסט עס אים גאַנץ שטאַרק.
ער וואַרפט זיך אויף דער בייזער קאַץ
און בייסט איר איין אין קאַרק.
חד־גדיא!

קומט שטעקעלע אין כעס אריין
און טראַכט גאָר ניט קיין סך,
און שפּאַלט דאָס קעפּל הינטעלען —
די הונט! ס'איז ניט דיין זאַך!

צעפלאַקערט האָט זיך פייערל,
פאַר כעס צונטער רויט:
די שטעקעלע, די פלעקעלע,
איך מאַך דיר באַלד אַ טויט.
חד־גדיא!

דעם טאטנס ניגון



יי־לאַ־לאַ



קוידאַנאָווער ניגון



קאַצקער ניגון



אַ ריקודעלע



א ניגון אָן אַ סוף



דעם רבינס ניגון פֿון רייסין



אַ רעדל



Lithographed in the United States of America
by Litho-House, New York, N. Y.

Litho House
S. A. No 1
UNION
LABEL
NEW YORK
REGISTERED
170